YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv12i11

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 12 Issue 11
April 1930

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 12, Iss. 11)

### Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

### Comments

*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/525

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

# גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז. 6.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן

Vol. XII. No. 11. | Jersey City' N. J., Friday, April 11, 1930 | 1930 פרייטאג, דעם 11-טען אפריל, | PRICE 3 CENTS

# ברודער שלעזינגער אינסטאלירט נייע דרעס מאכער דזשאינט באארד

## ניו יארק דזשאינט באארד ארדענט איין נייע יוניאן היים.

אין משך פון לעצטען יאהר צייט האבען כמעט אלע וויכטיגע לאקאל יוניאנס זיך איבערגעקליבען אין נייע יוניאן העדקוואטערס. זיי האבען דאס געמוזט טאן צוליב דער באקוועמליכקייט פון זייער מעמבערשיפ און צוליב דער פארלייכטערונג פון געוויסע יוניאן אויפגאבען און פליכטען. דער גארמענט צענטער האט זיך אין די לעצטע יאהרען אלץ מעהר דערנעהנטערט צו אפ-טאון און די יוניאן-אפיסעס זיינען דאדורך געבליבען וואס אמאל מעהר דערווייטערט פון גארמענט צענטער. עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די יוניאן העדקוואדערס האבען זיך מיט דער צייט געמוזט דערנעהנטערען צום גארמענט צענטער, וואו עס געפינען זיך די ארבייטער פון דער אינדוסטריע.

דעם אנהאנג האבען געמאכט די קאטערס מיט א יאהר צוריק, און אין לעצטען יאהר האבען די פינישערס, פרעסערס און אפערייטארס נעפאלגט דעם פראקטישען ביישפיל פון דער קאטערס יוניאן און האבען אויך אריינגעמופט אין גארמענט צענטער.

איצט האט אויך די ניו יארקער דזשאינט באארד באשלאסען צו מופען אין גארמענט-צענטער, און זי האט געדונגען א שעהנעם פלאר אין 127 וועסט 33טע סטריט — אין סאמע הארץ פון גארמענט צענטער — פאר די העדקוואטערס פון דער קלאוק, סקוירט און ריפערמאכער דזשאינט באארד. דארט וועלען זיך געפינען אלע דזשאינט באארד דעפארטמענטס. די אפיסעס פאר די דעפארטמענטס ווערען איינגעארדענט לויט א ספעציעלען פלאן פון אפיס פון דזשאינט באארד און די גאנצע ארבייט ווערט געטאן אונטער'ן אויפזיכט פון ברודער איזידאר נאגלער, דער גענעראל מענעדזשער פונ'ם דזשאינט באארד. אין דעם זעלבען בילדינג וועלען אויך האבען זייערע העדקוואטערס לאקאל 17, 23, 3, און 82.

רעדעס געהאלטען פון נאגלער, ברעסלאוו, האכמאן, נינפא, פערלמוטער, ראזענבערג, העלער, וואנדער, קוירצמאן, שפילמאן, אנטאניני און בלום. — פילע לאקאלס און דרעס-שעפער שיקען בלומען. — האכמאן ערוועהלט דזשענעראל מענעדזשער; וואסיליעווסקי, פון לאקאל 35, טשערמאן, און קריוועלא, פון לאקאל 89, סעקרעטער-טרעזשורער פון דרעסמאכער דזשאינט באארד.

## דובינסקי טשערמאן פון אינסטאלליישאן מיטינג און וויס-פרעזידענט נינפא שווערט איין נייע מיטגלידער פון דרעסמאכער דזשאינט באארד.

פון א סטעף רעפארטער

אין א יום-טוב'דיגער אטמאספערע פון פילע הונדערטער צופרידענע דרעס-מאכער און געסט, וואס זיינען געזעסען אין דעם מיט בלומען שעהן-דעקארירטען בעטהאווען האל, איז לעצטען דינסטאג פארגעקומען די היסטארישע אינסטאליישאן פון דער נייער, ווידער-געבוירענער דרעס מאכער יוניאן. דער דאזיגער היסטארישער יום-טוב איז אין גאנצען געשטאנען אין צייכען פון דעם לעצטען גרויסען זיג פון דער גרויסער קלאוקמאכער ארמעע אין ניו יארק, און די אינסטאלליישאן פון דער דרעס-מאכער דזשאינט באארד איז גלייכצייטיג געווען א יום-טוב פון דער ווידערגעבורט פון דער דרעסמאכער יוניאן אין ניו יארק.

צו אט דעם יום-טוב זיינען געקומען פילע הונדערטער דרעס-מאכער און א היבשע צאהל אקטיווע קלאוקמאכער און געסט. פון די דרעס-פעקטארים זיינען אנגעקומען טעלעגראמעס און פילע בלומען-קרענץ. צווישען די פילע טעלעגראפישע באגריסונגען האט די הארציגע באגריסונג פון ברודער באראף, דעם וועטעראן פון דער דרעס-מאכער יוניאן און פון דער אינטערנעשאנאל, ארויסגערופען א באזונדערס גרויסע באגייסטערונג.

ברודער דובינסקי, אלס דער טשערמאן פון דער קאמיטע צו צוטיילען די צוויי דזשאינט באארדס, איז געווען דער טשערמאן פון דעם שעהנעם אינסטאליישאן-מיטינג. בר. דובינסקי האט אין קורצע, זאכליכע באמערקונגען אנגעגעבען די אורזאכען, וואס האבען געפיהרט צו דער אינסטאלירונג פון א באזונדער דזשאינט באארד און האט אין געהויבענע ווערטער פארגעשטעלט דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל צו אינסטאלירען די נייע באזונדערע דרעס-מאכער דזשאינט באארד.

### פרעז. שלעזינגער'ס רעדע.

פרעזידענט שלעזינגער האט נאך דער פארמעלער אינסטאליישאן געהאלטען א מערקווירדיג אינטערעסאנטע רעדע, וועלכע איז געווען א סך מעהר ווי א געוועהנליכע אינסטאליישאן-רעדע. דאס איז געווען א פראגראם-רעדע פון א מאדערנעם טרייד יוניאן-פיהרער, וואס

(שלוס אויף זייט 2)

## דזשאדזש א. קאהען פארגעשלאגען אלס אומפ. טשערמאן פון באסטאנער קלאוק אינדוסטריע.

אויף א געמיינזאמער קאנפערענץ פון אלע צדדים פון דער באסטאנער קלאוק אינדוסטריע איז באטראכט געווארען די פראגע וועגען באשטימען אן אומפארטייאישען טשערמאן פאר דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע פון באסטאן. אלע צדדים האבען זיך געאייניגט צו באשטימען פאר דיזען אמט דעם באקאנטען באסטאנער כלל-טוער און דזשאדזש א. ס. קאהען.

אויב מר. קאהען וועט מסכים זיין אנצונעהמען אט די באשטימונג וועט די פראגע וועגען אן אומפארטייאישען טשערמאן אין דער באסטאנער קלאוק אינדוסטריע זיין ערלעדיגט.

די יוניאן איז ביי דיזער קאנפערענץ געווען פארטראטען דורך דעם דזשענעראל סעקרעטאר פון דער אינטערנעשאנאל, ברודער ד. דובינסקי און דורך די באסטאנער וויס-פרעזידענטען ברודער מאקס אמבור און ברודער קרעמער.

# פרעזידענט שלעזינגער'ס באזוך אין קליוולאנד און שיקאגא

אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האבען מיר געמאלדען, אז פרעזידענט שלעזינגער איז, אין די אינטערעסען פון אונזער אינטערנעשאנאל, אוועקגעפאהרען נאך קליוולאנד און שיקאגא, און אז פון דארטען וועט ער פאהרען נאך קענזעס סיטי און אין די אנדערע מידל-וועסטערן שטעדט, וואו עס האבען זיך דורך די לעצטע עטליכע יאהר געעפענט שעפער פון קלאוקס, דרעסעס און אנדערע פרויען גארמענטס.

דער צוועק פון זיין רייזע האט געזאלט זיין באקאנט צו ווערען מיט די ארבייטס-באדינגונגען אין דיזע נייע צענטרען און נאכהער אויסארבייטען געהעריגע פלענער פאר אן ארגאניזאציאנס קאמפיין. פון קענזעס סיטי און די אנדערע מידל-וועסטערן שטעדט האט ער גערעכענט צו פאהרען צום פאסיפיק קאוסט און באזוכען די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין לאס אנדזשעלעס, סאן פראנציסקא, סיאטעל, און אויך יענע שטעדט אויף דעם פאסיפיק קאוסט וואו די ארבייטער פון אונזער אינדוסטריע זיינען נאך ניט ארגאניזירט.

פרעזידענט שלעזינגער איז אבער ווייטער ווי ביז שיקאגא ניט געפאהרען; זיין ניט גוטער געזונדהייטס-צושטאנד האט געמאכט אוממעגליך פאר איהם אונטערנעהמען א לאנגע רייזע. ער האט, אלזא, פארבראכט צוויי טעג אין קליוולאנד און פינף טעג אין שיקאגא און דאן זיך אומגעקערט צוריק אין ניו יארק, וואו ער וועט פארבלייבען ביז מאנאט דזשון, ווען ער וועט נעמען א „ליעוו אוו עבסענס" פאר איינינע מאנאטען.

אין קליוולאנד איז שלעזינגער אנגעקומען א פאר טעג שפעטער ווי וויס-פרעזידענט קריינדלער און ברודער לואיס פרענד, דער טשערמאן פון קליוולאנדער דזשאינט באארד, זיינען פארוואונדעט געווארען פון א קויל פון א רעוואלווער, וועלכען דער דרעס-מאנופעקטשורער בלומפילד האט ארומגעטראגען מיט זיך אין זיין אווערקאוט פאקעט.

בלומפילד איז איינער פון פינף קליוולאנדער אפען-שאפ דרעס מאנופעקטשורערס, וועלכע מאכען די מעהרסטע ארבייט זייערע אין סוועט שעפער און נעגען וועלכע אונזער יוניאן פיהרט אן א סטרייק. בלומפילד האט ארויסגעקראגען א טעמפערערי אינדזשאנקשאן נעגען אונזער יוניאן און מאנטאג, דעם 24טען מארטש, ווען אין קאורט-רום פון דזשאדזש וואולף זיינען צוויי און צוואנציג פון אונזערע מיטגלידער געטרייעלט געווארען פאר איבערטרעטען דעם אינדזשאנקשאן, האט דאס פון בלומפילד'ס אווערקאוט-פאקעט פלוצלונג אויסגעשאסען א רעוואלווער. די קויל האט געטראפען פריהער וויס-פרעזידענט קריינדלער און נאכהער ברודער פרענד, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהם. ביידע זיינען אפגעקומען מיט לייכטע וואונדען. אויף די באפעלקערונג פון קליוולאנד, וועלכע האט אבער וועגען דעם „פלוצלונגען" שאס געלעזען אין די צייטונגען, האט דיזער אינצידענט געמאכט אזא איינדרוק וועלכער איז א קליינער קרעדיט פאר אפען-שאפניקעס אין אלגעמיין, ספעציעל פאר אידישע אפען-שאפניקעס.

זייענדיג אין קליוולאנד האט ברודער שלעזינגער אדרעסירט א מיטינג פון דעם דארטיגען דזשאינט באארד, וועלכער איז גראדע יענעם אווענט אינסטאלירט געווארען. שלעזינגער האט גערעדט איבער די ארגאניזאציאנס-קאמפיינס און דזשענעראל סטרייקס וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט אין די לעצטע דריי מאנאטען ערפאלגרייך דורכגעפיהרט אין ניו יארק, באסטאן, טאראנטא און מאנטרעאל. ער האט אויך גערעדט וועגען דעם שרעקליכען קריזיס וואס הערשט איצט אין די פאראייניגטע שטאטען און

(שלוס אויף זייט 2)

# די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר און אלע יוניאנס פון לאנד נעגען דזשאדזש פארקער

די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל וויסען שוין, פון די טעגליכע צייטונגען, אז פרעזידענט הואווער האט אויסגעקליבען דזשאדזש פארקער פון נארטה קאראליינא סטייט אלס אסאשיאייט דזשאסטיס פון די יונייטעד סטייטס סופרים קאורט, אויף דעם פלאץ פון דזשאסטיס סענפארד, וועלכער איז מיט איינינע וואכען צוריק פלוצלונג געשטארבען.

דיזער דזשאדזש פארקער האט זיך געמאכט א רעפוטאציע אין נארטה קאראליינא מיט זיין פיינדליכקייט צו יוניאנס. דורך דער צייט פו זדעם קוילען-גרעבער סטרייק, מיט צוויי יאהר צוריק, האט דיזער דזשאדזש ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן נעגען דער מיינערס יוניאן, פארבאטענדיג איהרע אפיסערס און מיטגלידער זאגאר צו ריידען צו ארבייטער וואס האבען „יעלאו דאג" קאנטראקטען, אז זיי זאלען זיין יוניאן-לייט.

איבעריג צו זאגען אז די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר און אלע יוניאנס פון לאנד זיינען נעגען דעם אויסוואהל פון דיזען דזשאדזש.

פרעזידענט גרין איז לעצטע וואך ערשינען פאר די סענאט דזשודישערי קאמיטע און האט אין נאמען פון אלע יוניאנס פון לאנד געפאדערט פון דער קאמיטע אז זי זאל רעקאמענדירען צום סענאט צוריקצואווייזען דעם פרעזידענטס אפוינטמענט פון דיזען אינדזשאנקשאן דזשאדזש. אונזער אינטערנעשאנאל האט איהר פראטעסט אריינגעשיקט צו יעדען מעמבער פון דער סענאט דזשודישערי קאמיטע דורך טעלעגראף. אונזער אינטערנעשאנאל האט אויך געשיקט טעלעגראמען צו די צוויי סענאטארען פון ניו יארק סטייט, וואגנער און קאפלאנד, אז זיי זאלען שטימען נעגען פארקער'ן ווען זיין נאמען וועט פארגעבראכט ווערען פאר'ן סענאט.

די דזשאינט באארד און לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל אין אנדערע שטעדט און סטייטס, זיינען געבעטען צו טעלעגראפירען צו די סענאטארען פון זייערע סטייטס אז זיי זאלען טאן דאס זעלבע.

# פרעז. שלעזינגער באגייסטערט מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

(שלוס פון זייט 1)

אינטערעסען פון איהר גרויסער מיטגלי־דערשאפט.

נאך ניט קיין יאהר צייט ווי ניו יארק האט געמאכט דעם אנפאנג מיט דעם זיגרייכען סטרייק פון די בראווע קלאוקמאכער. נאך ניו. יארק איז גע־קומען קליוולאנד, טאראנטא, דער גרוי־סער דרעס מאכער סטרייק אין ניו יארק, דער סטרייק אין מאנטרעאל, און ערב דעם מיטינג אין באלטימאר האט רער נייער גענעראל סעקרעטאר פון דער אינ־טערנעשאנאל, ברודער דוד דובינסקי, אונטערגעטראגען דעם באארד די זיג־רייכע מתנה פון דעם באסטאנער גענע־ראל סטרייק.

דער באסטאנער זיג איז ווי א סימ־באלישער און גלייכצייטיג לאגישער אפ־שלוס פון א פארגאנגענער פעריאדע אין וועלכער די אינטערנעשאנאל האט גע־האט צו קעמפען געגען צוויי שונאים אויף צוויי פראנטען — געגען די בא־לעבאטים און געגען דער צושטערענדער קאמוניסטישער ווירקונג אין אונזער יוניאן.

### באריכטען.

ברודער ב. שלעזינגער, דער פרעזי־דענט פון דער אינטערנעשאנאל, האט געעפענט דעם ערשטען מיטינג פון דער ניי־ערוועהלטער באארד אין דער אנוועז־זענהייט פון אלע באארד־מיטגלידער. אויף דעם מיטינג זיינען אויך אנוועזענד געווען ברודער א. באראף, דער געוועזע־נער גענעראל סעקרעטער פון דער אינ־טערנעשאנאל, און דר. האפמאן, דער רעדאקטאר פון די אינטערנעשאנאל צייט־טונגען.

די באריכטען האבען זיך אנגעפאנ־גען מיט א גענויעם טעטיגקייטס־בא־ריכט פון ברודער שלעזינגער, וועלכער האט באריהרט אלע פאסירונגען פון דער אינטערנעשאנאל אין די לעצטע דריי מא־נאטען. ער האט גענוי ארומגערעדט אלע סטרייק־פאסירונגען אין קליוולאנד, טאראנטא, מאנטרעאל און ניו יארק אין האט ערקלערט די באדייטונג פון די דערגרייכטע זיגען פאר דער ווייטערער עקזיסטענץ און טעטיגקייט פון דער אינ־טערנעשאנאל.

אין גאנג פון די בעראטונגען האט שלעזינגער אויך גערעדט וועגען די אויפגאבען פון דער יוניאן אין דער גא־נאהענטער צוקונפט און האט ענטווא־רפען פלענער וועגען יוניאן־טעטיגקייט אין די ניט יוניאן מארקעטס. ווען דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל האט פארענדיגט זיין באריכט מיט דער־מיטטיילונג אז די אינטערנעשאנאל צעהלט איצט 65 טויזענט מיטגלידער, האט איהם די באארד געמאכט א בא־גייסטערטע אוואציע.

וועגען באסטאן האבען וויים פרעזי־דענט אמדור און גענעראל סעקרעטער דובינסקי באריכטעט, ווי ערפאלגרייך עס איז דארטען געווען דער סטרייק. די קלאוק און דרעס אינדוסטריע פון באס־טאן זיינען איצט פאלשטענדיג יוניאני־זירט. דער קאנטראקט מיט די באסעס שרייבט פאר, אז אן אומפארטייאישע מאשינערי צו שליכטען סכסוכים זאל עטאבלירט ווערען; די 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך איז איינגעפיהרט געווא־רען, און דער פונקט, אז די באסעס מו־זען שיקען זייער גאנצע ארבייט נאר אין יוניאן קאנטראקטינג שעפער, ווערט שטרענג אפגעהיט דערביי האט דובינסקי אויך געמאלדען, אז די קאמוניסטען, וואס האבען אין באסטאן גערופען א סטרייק מיט פיער וואכען צוריק, זיינען איינגאנצען באזייטיגט געווארען.

### 26 טויזענט ארגאניזירטע דרעס מא־כער אין ניו יארק

וויים פרעזידענט האכמאן האט בא־ריכטעט, אז איצט האט די ניו יארקער דרעסמאכערס יוניאן 26,000 מיטגלידער, וועהרענד פאר'ן סטרייק איז די מיטגלי־דערשאפט געווען ארום 12,000. פאר דעם סטרייק האט די יוניאן קאנטרא־לירט ארום 400 שעפער און איצט קאנטראלירט זי 1,400 שעפער, א צו־וואוקס פון טויזענט יוניאן דרעס שעפער אין ניו יארק. פונדעסטוועגען, האט האכ־מאן ערקלערט, פירט נאך די יוניאן ווייטער אן איהר ארגאניזאציע־קאמפיין אריינצוברענגען אונטער איהר קאנטראל די איבעריגע היטערשטעליגע שעפער.

וויים פרעזידעט אנטאניני האט גע־מאלדען, אז דער איטאליענישער דרעס־מאכער לאקאל 89, האט איצט א מיט־גלידערשאפט פון 8,000. פאר'ן דרעס־מאכער סטרייק האט דער דאזיגער לא־קאל געהאט בלויז 2,000 מיטגלידער. די גרעסטע צאל פון די איטאליענער אר־בייטען אין די דרעס שעפער.

וויים פרעזידענט קירזשנער האט בא־ריכטעט וועגען דעם הונדערט פראצענ־טיגען יוניאן קאנטראל איבער אלע שעפער אין טאראנטא. יעדער ארבייטער געהערט צו דער יוניאן און יעדער באס בעלאנגט צו דער באסעס אסאסיאיישאן, וואס האט אן אפמאך מיט דער יוניאן. צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג אין טאראנטא האבען דארטען די קלאוקמאכער אזא שטארקע ארגאניזא־ציע. ער האט אפעלירט צו דער גענע־ראל עקזעקוטיווע אנצוהייבען אן ארגא־ניזאציע קאמפיין אויך צווישען די טא־ראנטאער דרעסמאכער צו יוניאניזירען אויך זייערע שעפער.

אן עהנליכער באריכט האט די עק־זעקוטיווע אויסגעהערט פון וויים־פרעזי־דענט פיינבערג וועגען דער קלאוק אינ־דוסטריע אין מאנטרעאל. אלע קלאוק־מאכער פון מאנטרעאל געהערען צו דער יוניאן. די ארבייטס־באדינגונגען זיינען פארבעסערט געווארען. די שטונדען זיי־נען געקירצט און דער לוין איז בא־דייטענד געהעכערט געווארען. די קלאוקמאכער פון מאנטרעאל און פון טאראנטא האבען די בעסטע אויסזיכ־טען אנצוהאלטען דעם פעסטען קאנטראל פון דער יוניאן איבער זייער אינדוסט־ריע. ברודער פיינבערג האט אויך גע־בעטען דער אינטערנעשאנעל אנצוהוי־בען א קאמפיין צווישען די דרעסמאכער פון מאנטרעאל.

וויים פרעזידענט קריינדלער האט באריכות גערעדט וועגען דעם קליוולענ־דער סטרייק און וועגען דעם ענערגישען יוניאן קאמף מיט די אפען שעפער פון דער אמעריקען פלען אסאסיאיישאן.

ער האט אויך געמאלדען, אז געגען די פארביסענע אמעריקען פלען שעפער־ווערט נאך דער קאמף איצט ווייטער געפיהרט און אז די יוניאן וועט ניט נאכלאזען ביז אויך די איינגעשפארטע באסעס וועלען שליסען אן אפמאך מיט דער אינטערנעשאנעל.

פאר אן ארגאניזאציע קאמפיין צווי־שען דרעסמאכערס איז אויך אויפגע־טראטען וויים־פרעזידענט ביאלים פון שיקאגא. ער האט געמאלדען וועגען א סטרייק, וואס די שיקאגאער יוניאן פירט געגען דער פירמע שענקער, פישעל און וויינשטאק. 200 ארבייטער סטרייקען. די קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק איז געבעטען געווארען ניט צו סעטלען מיט אם דער פירמע איידער זי וועט נאכקומען די באדינגונגען פון איהר שי־קאגאער קאנטראקט מיט דער יוניאן, וואס זי האט געבראכען.

אין פילאדעלפיא, וואו די אינטער־נעשאנעל יוניאן פיהרט איצט אן ענער־גישען ארגאניזאציע קאמפיין, האלטען שוין די יוניאן פארשטעהער קאנפערענ־צען מיט די מאנופעקטשורערס, מעלדעט וויים־פרעזידענט רעיזבערג. די עקזע־קוטיווע איז געבעטען געווארען גוטצו־הייסען א דרעסמאכער סטרייק פאר פי־לאדעלפיא, אין פאל די באסעס וועלען ניט נאכגעבען אויף א פרידליכען אופן די פאדערונגען פון דער יוניאן.

א באריכט וועגען דער לאגע אין זייערע לאקאל יוניאנס האבען אויך אפ־געגעבען די וויים־פרעזידענטען העלער, מענעדזשער פון לאקאל 17, און האל־פערין, מענעדזשער פון לאקאל 41.

די וויים־פרעזידענטען נאגלער און וואנדער האבען אפגעגעבען א אינטערע־סאנטען באריכט וועגען דער לאגע פון דער יוניאן אין ניו יארק.

### דובינסקי'ס באריכט וועגען אלגע־מיינעם יוניאן צושטאנד.

ברודער דובינסקי, דער נייער גענע־ראל סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנעל, האט אפגעגעבען א גענויען באריכט וועגען דער אלגעמיינער יוניאן לאגע, וועלכע וועט זיין אפגע־דרוקט אין קומענדען נומער פון דער „גערעכטיגקייט". דערווייל ברענגען מיר בלויז עטליכע אינטערעסאנטע שטעלען פון זיין אינטערעסאנטען באריכט:

האי־יאהר האט דער אינטערנעשא־נעל אפים אריינגעקראגען אין די אנ־דערהאלבען חדשים פעברואר־מארטש, 50 טויזענט דאלאר מיטגלידערשאפט שטייער, וועהרענד פאראיאהרען איז פאר דער זעלבער צייט אריינגעקומען בלויז 22,000 דאלאר. אין די לעצטע פיער חדשים האט די יוניאן אריינגע־קראגען פון די לאקאלס אין מיטגלידער־שטייער די סומע פון 89,000 דאלאר. דער סעקרעטאר האט אויך באריכטעט, אז די לאקאלס הויבען שוין אן אריינ־שיקען דעם קאנווענשאן שטייער און ער האט רעקאמענדירט צו דער גענעראל־עקזעקוטיווע אנצונעמען פלענער ווי צו פארשנעלערען די שטייער־זאמלונג פאר דעם טייל, וואס דארף איינגעצאהלט ווערען אין פארלויף פון דעם איצטיגען סעזאן.

### דרעסמאכער דזשאינט באארד.

די לעצטע קאנווענשאן פון דער אינ־טערנעשאנאל אין קליוולאנד האט בא־שלאסען צו ארגאניזירען א באזונדערע דרעסמאכער דזשאינט באארד אין ניו יארק. צוליב דעם זיגרייכען גענעראל סטרייק פון די דרעסמאכער און דער גרויסער צאהל מיטגלידער, וואס די דרעסמאכער לאקאלען האבען געוואונען, איז די שאפונג פון א באזונדערער דזשאינט באארד שוין רייף געווארען און די באארד האט באשלאסען דעם דאזיגען באשלוס באלד דורכצופיהרען אין לעבען. א ספעציעלע קאמיטע וואס באשטעהט פון גענעראל סעקרעטער ד. דובינסקי און די וויים־פרעזידענטען ניני־פא און רייזבערג איז ערוועהלט געווא־רען דורכצופיהרען דעם באשלוס.

### ווייטערע ארגאניזאציאנס קאמפיינס

אויפ'ן פארלאנג פון די באארד מיט־גלידער פון שיקאגא, קענעדע און פילא־דעלפיא, איז באשלאסען געווארען צו ארגאניזירען ארגאניזאציאנס קאמפיינס אין דער מאנטרעאלער און טאראנטער דרעס אינדוסטריע, אין פילאדעלפיא און שיקאגא. די דאזיגע ארבייט דורכצו־פיהרען איז איבערגעגעבען געווארען דעם גענעראל אפים פון דער אינטערנע־שאנאל, וועלכער האט אויך באקומען די פולע רעכט צו באשטימען, ווען און ווי אזוי די ארגאניזאציאנס ארבייט אין אם די שטעט זאל געפיהרט ווערען און ווען זי זאל זיך אנפאנגען.

די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אויך באשלאסען זיך צו פאראינ־טערעסירען מיט די ניט־יוניאן מאר־קעטס, וואס זיינען אויסגעוואקסען אין דער מידעל און ווייטער וועסט. צו די־זען צוועק איז באשלאסען געווארען, אז פרעזידענט שלעזינגער זאל באזוכען די וויכטיגסטע קלאוק־צענטערס אין דער מידעל־וועסט און אין די שטעט ארום דעם פאציפישען קאוסט. פרעזידענט שלעזינגער געפינט זיך שוין אויפ'ן וועג צו ערפילען זיין פליכט פאר דער אינ־טערנעשאנאל.

(פארטזעצונג אין נעקסטען נומער)

## רעזאלוציע.

מיר, די ארבייטער פון מ. קאפלאן שאפ, 265 וועסט 37טע סטרים, פאר־זאמעלט ביי א שאפ מיטינג, באשליסען איינשטימיג צו באדאנקען אונזער ביד־נעס אגענט, ברודער י. מילער, ווי אויך די יוניאן אלס א גאנצע, פאר די נוטעס, וואס זיי האבען גענומען אין באצוג צו קאלעקטען 14 הונדערט דאלאר אין וויי־דזשעס, און מיר פארפליכטען זיך צו שטעהן אלע מאל מיט אונזער יוניאן.

מיט ברידערליכען גרוס,

מ. אסיפאף, טשערמאן.

# באנייטע קאנטראל טעטיגקייט פון ניו יארקער דזשאינט באארד

**50 שעפער געסטאפט אין ברוקלין. — נאך שעפער וועלען געסטאפט ווערען אין בראנזוויל און בענסאנהורסט.**

די ניו יארקער דזשאינט באארד, וועלכע איז מאנאטען־לאנג געווען פאר־נומען מיט די דרעס־מאכער, האט זיך ווידער גענומען צו אן ענערגישער אר־בייט אין דער קלאוקמאכער יוניאן. דער אפים פון דער דזשאינט באארד האט אויסגעארבייט א גאנצע רייהע פלענער פון א פארשיידענארטיגער יוניאן־טעטיג־קייט. אין איצטיגען מאמענט ווערט דורכגעפיהרט אן ענערגישע קאנטראל־אקציע מיט'ן צוועק אז די יוניאן באדינ־גונגען אין די שעפער זאלען אפגעהיט און געהאלטען ווערען.

לויט ווי ברודער איזידאר נאגלער, מענעדזשער פון דזשאינט באארד, האט אונז געלאזט וויסען, האט די יוניאן שוין אפגעשטעלט 50 קלאוק־שעפער אין וויליאמסבורג און א שטרענגע קאנטראל ווערט אין די שעפער איינגעפיהרט. די ארבייטער אין די אפגעשטעלטע שעפער וועלען צוריקגעשיקט ווערען צו דער אר־בייט נאר דאן, ווען די יוניאן וועט הא־בען א גרינדליכע גאראנטיע, אז אלע יוניאן־באדינגונגען וועלען אפגעהיט ווע־רען.

ווי ברודער נאגלער האט ווייטער ערקלערט, געפינען זיך אין גאנץ ברוק־לין, וואס נעמט אריין וויליאמסבורג, בראנזוויל און בענסאנהורסט, איבער 200 שעפער. נאכדעם ווי די יוניאן וועט איינפיהרען דעם קאנטראל אין ווי־ליאמסבורג, וועט זי זיך נעמען צו די בראנזווילער און בענסאנהורסטער שע־פער.

## ניט־יוניאן דזשאבערס, וואס זיינען געצוואונגען געווארען צו סעטלען מיט דער יוניאן

מיר ברענגען דא א צאהל נעמען פון וויכטיגע דרעס דזשאבערס, וואס זיינען געווען געצוואונגען צו סעט־לען מיט דער יוניאן. צווישען די, וואס האבען פאר די לעצטע טעג גע־סעטעלט מיט דער יוניאן און זיך פארפליכטעט צו שיקען זייער אר־בייט בלויז אין יוניאן שעפער, זיי־נען:

מערי ל. פראנקס, פון 1372 בראדוויי; הערי ל. שולמאן, פון 1375 בראדוויי; דזשאמארק דרעס, פון 1375 בראדוויי; בארנעט און בענגרעט, פון 530 — 7טע עוועניו; מאסטער מאדס, פון 225 וו. 37טע סטרים; לאוולי פראקס, פון 501— 7טע עוועניו; אולמאן דזשעסעל, פון 1372 בראדוויי.

אויך האט די אינסאיד דרעס פירמע גאלדבערג און דזשאזעפסאן, פון 525—7טע עוועניו, געסעטעלט מיט דער יוניאן.

# צוואנציגסטער יובילעאומס באל פון דער קאטערס יוניאן

די יעהרליכע בעלער פון דער קא־טערס יוניאן זיינען שוין געווארען א שטענדיגע אינסטיטוציע. דער באל פון די קאטערס דינט א חוץ צו צושטרייען די יוניאן מיטגלידער, אויך פאר העכסט וויכטיגע פראקטישע צוועקען. ווי בא־קאנט, איז אויף דובינסקי'ס איניציא־טיווע דורך דעם יעהרליכען יוניאן באל מעגליך געווארען צו שאפען פאר דער קאטערס יוניאן אזא וויכטיגען און נוי־טיגען פאנד ווי דער אלד אייזדוש פענ־שאן פאנד פאר די עלטערע קאטערס.

דער היי־יאהריגער באל איז א יובל באל. ער איז דער צוואנציגסטער יעהר־ליכער באל פון דער קאטערס יוניאן, און ער וועט זיך אויסצייכענען מיט א באזונדערס רייכען פראגראם. דער באל וועט שטאטפינדען היינטיגען שבת אוונט, דעם 29טען מערץ, אין דעם שעהנעם האל פון לעוועל קלאב, 253 וועסט 73טע סטרים.

# נייעס פון לאקאל 9

פון נ. קורצמאן, מענעדזשער לאקאל 9.

אלעמאל, ווען מיר דערווארטען א בעסערען סיזאן, קומט אן ערגערער.

אויף אונזער טרייד רופען זיך אפּ אלע צרות. וואו נאר א שלעכטער זוע־מער; וואו נאר א קראך אין וואל סטריט פיהלען מיר גלייך דעם טעם. דעם וואל סטריט קראך האבען געפיהלט אלע, נאר דעם וועטער האט קיינער אזוי ניט גע־פיהלט ווי מיר.

דער ספּרינג־סיזאן איז געווען, נאך אונזער מיינונג, דער ערגסטער, ספּע־ציעל פאר די פינישערס. מיר האבען פּראקטיש ניט געארבייט. א דאנק דעם איבערבייט פון סטייל פון קאוטס אויף סוטס, איז דער פּאר־קאלער פּאקטיש ארויס פון מארקעט, און צוזאמען מיט דעם איז געווארען ווענינער ארבייט פאר די פינישערס. ניט נאר האבען די פי־נישערס געליטען פון דעם איבערבייט נאר אויך אלע אנדערע אפּטיילונגען פון טרייד.

מען האט גערעכנעט, אז ווען מען וועט מאכען סוטס, וועלען די סוטס דאר־פען זיין בעסער געמאכט. דער סוט איז אבער געמאכט געווארען פליין, און עס איז נישט געווען דאס, וואס מיר האבען ערווארטעט.

וואס זיינען די אויסזיכטען פאר א בעסערער צייט פאר אונזערע מיטגלי־דער?

♣

ביי אונזער דזשענעראל מעמבער־מיטינג, וואו מיר האבען אפּגעגעבען אונזער רעפּארט, האבען מיר אריינגענער־מען די פּראבלעם פון ברוקלין. עס איז אמת, דאס ברוקלין איז ניט קיין נייע פראגע. אבער ווען עס איז ניט געווען קיין יוניאן־קאנטראל אין ניו יארק און די ארבייט איז געמאכט געווארען אין ניו יארקער שעפּער אונטער די ערגסטע באדינגונגען, איז ברוקלין געווארען אויס פּראבלעם. איצט איז ברוקלין ווידער געווארען א פּראבלעם, ווייל ווי שלעכט די לאגע זאל ניט זיין אין מאנכע שע־פער אין מאנהעטען זיינען זיי דאך אלץ בעסער ווי אין ברוקלין.

אלזא, אויב מיר ווילען אנהאלטען יוניאן־באדינגונגען אין טרייד, מוז ברוק־לין זיין ארגאניזירט. אויב ברוקלין איז ניט ארגאניזירט, קען קיין יוניאן־קאנ־טראל ניט איינגעשטעלט ווערען אין ניו יארק.

און ניט נאר ברוקלין, נאר אויך אוט אוו טאון, וואו עס איז איננאנצען ניטא קיין קאנטראל. דארט ארבייט מען ווי מען וויל און ווי עס לאזט זיך.

עס איז טאקע אמת, אז די אוט אוו טאון שעפּער קענען ניט מאכען די גאנ־צע ארבייט פאר ניו יארק, אבער די אוט אוו טאון שעפּער שטעלען די פּריי־זען פאר די גארמענטס. און דאס איז שוין גאר וויכטיג און עס איז נויטיג, אז דער אוט אוו טאון זאל ארגאניזירט ווערען.

♣

די אנסאמבל־סוטס און קייפּס — דאס איז נאך א פראגע, וואס שטעהט פאר אונז און פאדערט א לייזונג. די דאזיגע גארמענטס ווערען געמאכט אין א גרויסער צאהל אין דרעס־שעפּער און פאלגליך ווערען די גארמענטס געמאכט אונטער דער שטיק־סיסטעם, און נאטיר־ליכערווייזע איז דאס א קאנקורענץ צו אונזער טרייד.

מיר האבען ווענען דער דאזיגער פראגע גערעדט נאך פאר א יאהרען, נאר מיר זיינען געווען מאכטלאז עטוואס צו טאן, ווייל דער דרעס־טרייד איז געווען דיסארגאניזירט אהן שום קאנטראל. איצט איז די לאגע מעהר אדער ווענ־גער בעסער. נעמט די יוניאן אויף די פראגע, און זי וועט דאס טרייען צו לייזען אזוי אז עס זאל ניט זיין קיין קאנקורענץ ביי אונז צווישען די דרעס־מאכער און די קלאוקמאכער.

♣

די אלע פראגען פאדערען א סך אויפמערקזאמקייט, איבערגעבענהייט און שווערע ארבייט. אבער אז מען זאל נאר העלפען אין דער ארבייט, קען די ארבייט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

♣

ווי אזוי זאלען אונזערע מיטינגען געפיהרט ווערען: סעקשאן אדער דזשע־נעראל מעמבער מיטינגען? — איבער דער פראגע איז אנגענומען א גאנצע פּאלעמיק.

די סעקשאן־מיטינגען, וועלכע מיר האבען געהאט, זיינען געווען אין אלגע־מיין גענומען א דזשאוק. עס פלעגען קומען אזוי ווייניג מענשען צו די מי־טינגען, אז עס איז ניט געווען מיט ווע־מען צו מיטען, און די סעקשאן־מיטינ־גען פלעגען באשליסען אלע פראגען פון דער יוניאן. זיינען געקומען א טייל פון דער עקז. באארד און פארגעשלאגען, אז אנשטאט סעקשאן־מיטינגען זאלען געהאלטען ווערען דזשענעראל מעמבער־מיטינגען, וואו די פראגען פון דער יונ־יאן זאלען באהאנדעלט ווערען. איז געווארען א טאראראם און די פראגע איז שוין געבראכט געווארען צו דער דזשע־נעראל עקזעקוטיוו באארד, אלס א שרעק־ליכער פארברעכען, וואס די אדמיני־סטראציע וויל דא באגעהן.

מיר האבען די פראגע ווענען סעק־שאן־מיטינגען געשליכטעט ביי דעם לעצ־טען דזשענעראל מעמבער מיטינג. עס איז באשלאסען געווארען צו רופען איין מאל אין מאנאט א סעקשאן מיטינג און איין מאל אין מאנאט א דזשענעראל מעמבער־מיטינג. אלע זיינען געווען צו־פרידען מיט דיזען באשלוס. דאס איז ניט קיין פּרינציפּיעלע, נאר א טאק־טישע פראגע, ווי אזוי די מיטינגען אונ־זערע זאלען געפירט ווערען, און מיר האבען די פראגע אזוי באשלאסען ווייל מיר האבען גערעכנעט אז דאס איז דער בעסטער וועג פאר די אינטערעסען פון אלע מיטגלידער פון אונזער לאקאל. נאר אונזערע מעמבערס האבען געהאט דאס רעכט צו באשטימען ווי אזוי מיר זאלען זיך פיהרען, און זיי האבען עס באשלאסען.

דער מיטינג איז געווען, אונטער די אומשטענדען, א גאנץ שעהנער און מיר זיינען מיט איהם געווען גאנץ צופרידען.

דער פאלגענדער רעפּארט פון אפּיס איז פאר'ן מיטינג פארגעלעזען געווא־רען, און נאך א לאנגער דיסקוסיע איז ער גוטגעהייסען געווארען.

♣

„פון דעם 20טען פעברואר ביז איצט איז איננאנצען פינף וואכען. אין דער צייט איז א סך פארגעקומען. קיין פיל ארבייט אי' היינטיגען סיזאן ניט געווען, ניט פאר די פינישערס און ניט פאר דעם גאנצען טרייד.

„דער אלגעמיינער צושטאנד פון אלע אנדערע טריידס האט אויך געהאט זעהר א גרויסע ווירקונג אויף דעם גאנג פון אונזער טרייד.

„מיר האבען געהאט מעהר ארבייטס־לאזע דעם סיזאן, דערפאר ווייל דער ספּרינג סיזאן איז אין אלגעמיין ניט קיין סיזאן פאר פינישערס, און וועה־רענד דעם סיזאן איז ספּעציעל פּאקטיש ניט געגאנגען קיין פּאר.

„מיט דער אנשטעלונג פון ברודער סאלצבערג, איז מעהר אדער וועניגער לייכטער געווארען דער קאנטראל אין די שעפּער, אין וועלכע מען ארבייט אונטער פארשיידענע באדינגונגען. אונ־טער דער צייט זיינען א סך קאמיטעס ארויסגעשיקט געווארען צו סטאפּען שע־פער, וועלכע האבען באגאנגען פארברע־כענס נעגען דער יוניאן.

„מיר האבען גערופען קאנפערענצען פון שעפּער פאר דעם צוועק, אז מען זאל ארויפנעמען נאך פינישערס אין די שעפּער.

„מיר האבען ארויסגערופען 240 שע־פער צו אונז אין אפּיס. א גרויסער טייל פון די שעפּער האבען ניט געאר־בייט און אין די שעפּער וואו מען האט געארבייט האבען מיר פארלאנגט, אז מען זאל ארויפנעמען נאך ארבייטער. אין א סך פעלע זיינען מיר געווען ער־פאלגרייך, און דאס האט מעהר אדער וועניגער געהאלפען.

„די ארבייטסלאזיגקייט האט זיך א ביסעל פארקלענערט.

„אחוץ דעם פראבלעם פון ארבייטס־לאזיגקייט האבען מיר נאך אנדערע וויכ־טיגע פראבלעמען. ברוקלין איז דער וויכטיגסטער צענטער, וואו עס ווערט געמאכט קלאוקס, און אויף אונזער פאר־לאנג איז געמאכט געווארען אן אונ־טערזוכונג אין די שעפּער פון ברוקלין. דער רעזולטאט פון דער אונטערזוכונג איז, דאס מיר האבען אויסגעפונען, אז גאנץ ברוקלין ארבייט פון שטיק. א ספּעציעלער קאנטראל איז געמאכט גע־וואָרען און שעפּער ווערען געסטאָפּט פאר ארבייטען ניט אונטער די אנגע־נומענע באדינגונגען. ברוקלין איז א וויכטיגער טייל פון אונזער טרייד. זיי פארנעמען א באדייטענדען טייל פון אונ־זער ארבייט און עס מוזען געמאכט ווע־רען אלע אנשטרענגונגען דעם סענטער צו ארגאניזירען.

# ביי די דרעסמאכער

פון דזשיי. שפּילמאן, מענעדזשער

### א היסטארישער מיטינג.

ווער עס איז ניט אנוועזענד געווען אויף אונזער דזשענעראל מעמבער־מי־טינג דעם 27טען פון לעצטען מאנאט, האט זיכער פארפעלט א זעלטענע גע־לעגענהייט. אזא גרויסען און באגייס־טערטען עולם האט נאך קיין לאקאלע יוניאן ניט זוכה געווען צו ביישוואוינען. דער גרויסער האל איז אנגעפילט געווא־רען באלד נאך דער ארבייט; מען האט — דעם ערשטען מאל אין אונזער ער־פאהרונג — געמוזט אויפעפענען נאך א האל דערביי; די באלקאני איז באזעצט געווארען פון דער אונטערשטער טרעפּ ביז'ן לעצטען ווינקעל; מענשען זיינען געשטאנען וואו עס איז נאר מעגליך געווען צו שטעהן און הונדערטע אנדערע האבען געמוזט צוריקגעהן אוים מאנגעל אין פלאץ.

דאס איז געווען אונזער ערשטער מיטינג נאכ'ן סטרייק, אונזער ערשטע מעגליכקייט צו באגעגענען זיך מיט אונ־זערע נייע מעמבערס. און די באגעגע־ניש איז געווען א זעלטען שעהנע, אן ענטוזיאסטישע און א העכסט פריינד־ליכע.

מיר האבען דארט געטראפען א סך פון אונזערע עלטערע און געטרייע סאל־דאטען, וועמעס לאיאליטעט האט מעג־ליך געמאכט דעם ווידערגעבורט פון אונזער שעהנער ארגאניזאציע. מיר האבען דארט אויך געטראפען נייע פנים'ער, א סך, א סך. אידישע, אמת'ע יענקיס, גריכישע, שפּאנישע און א היב־שע צאהל שווארצע. אלע זיינען געקו־מען הערען דעם באריכט פון לעצטען סטרייק, וואס עס איז אויפגעטאן גע־ווארען זייט דעם סטרייק און וואס די פלענער זיינען פאר דער נאהענטער צו־קונפט. דער באריכט איז אויסגעהערט געווארען מיט דער גרעסטער אויפמערק־זאמקייט און איז אויפגענומען געווא־רען מיט באגייסטערונג.

בר. האכמאן, וועלכער איז געווען דער הויפּט־רעדנער, האט געגעבען א ברייטען איבערבליק איבער דער איצ־טיגער לאגע אין טרייד. ער האט גע־שילדערט אפּענהערציג און אהן פּרעטענ־זיעס די שוועריגקייטען וועלכע עס ענט־שטעהען פאר אונז ביי היינטיגען טאג. די גרויסע סלעק אין טרייד, די איינ־געשפּארטקייט פון די בעלי בתים וועלכע ווילען זיך ניט צופּאסען צו די נייע אומשטענדען פון יוניאן־שעפּער און יונ־יאן־באדינגונגען; די אומארגאניזירטע שעפּער, וועלכע מ'מוז ארגאניזירען אונ־טער אלע אומשטענדען, און די אלגע־מיינע שלעכטע לאגע אין לאנד, וועלכע האט זעהר א שטארקע ווירקונג אויף אונזער טרייד. ער האט אפּעלירט צו די מעמבערס, אז זיי זאלען האבען גע־דולד און ארויסהעלפען דער יוניאן־פיה־רערשאפט אין איהרע וויכטיגע אנ־שטרענגונגען. זיינע ווערטער זיינען שטארק אפּלאדירט געווארען.

דער מיטינג וועט אהן צווייפעל פאר־בלייבען אונפארגעסליך. עס איז געווען א דעמאנסטראציע פון אמת'ער איינינ־קייט און סאלידאריטעט.

### אונזער אפּיס מופט דעם 21טען אפּריל.

אנפאנגענדיג מאנטאג, דעם 21טען אפּריל, וועט אונזער אפּיס זיך געפינען אין 60 וועסט 35טע סט. (לעבען 6טע עוועניו), אויפ'ן 11טען פלאר. דער נייער אפּיס איז גרויס, באקוועם און, דאס וויכטיגסטע, ער געפינט זיך אין סאמע גארמענט צענטער. נאהענט און דערביי דעם געגענד וואו דער גרעסטער פּראצענט פון אונזערע מעמבערס זיינען באשעפטיגט. און דאס איז טאקע די אורזאכע ווארום מיר מופען — די באקוועמליכקייט פון אונזערע מעמבערס.

פארגעסט זשע ניט דעם נייעם אד־רעס: 60 וועסט 35טע סט., 11טען פלאר.

### דעם 24טען אפּריל א מיטינג.

דאנערשטאג, דעם 24טען אפּריל, באלד נאך דער ארבייט, וועט אפּגעהאל־טען ווערען א ספּעשעל דזשענעראל מעמבער־מיטינג פאר דעם צוועק פון ער־שטע און לעצטע נאמינײשאנס פון לא־קאלען מענעדזשער, עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען און ביזנעס אייידזשענטס. אויך וועט ערוועהלט ווערען אן עלעק־שאן און אבדזשעקשאן קאמיטע, וועלכע זאל דורכפיהרען דעם וואהל. אלע צו־ריקגעקומענע מעמבערס אונטער דעם מאניפעסט פון 30טען דעצעמבער זיי־נען בארעכטיגט צו באטייליגען זיך אין די וואהלען אלס וועהלער און קאנדידא־טען.

דער מיטינג וועט אפּגעהאלטען ווע־רען אין 344 וועסט 36טע סטריט (אין טשווירטש הויז). מעמבערס מוזען ברענ־גען זייערע יוניאן־ביכלאך.

# דרעסמאכער

**מעמבערס פון לאקאל 22 א. ל. ג. וו. יוניאן**

אלע מעמבערס ווערען אויפגעפאדערט צו אטענדען א

## ספּעשעל דזשענ. מעמבער מיטינג

**דאנערשטאג אווענט, אפּריל דעם 24טען,**
**אין 344 וועסט 36טע סטריט, (טשוירטש הויז)**

וואו עס וועלען אויפגענומען ווערען ערשטע און לעצטע

## נאמינײשאנס פאר לאקאלע בעאמטע און ביזנעס אגענטען

שוועסטער און ברידער: עס איז די פליכט פון יעדען מעמבער פון דער יוניאן צו קומען צו דעם מיטינג און נאמינירען די בעסטע מענשען וועלכע מיר פארמאגען, כדי מיר זאלען זיין אימשטאנד צוזאמענצושטעלען א פעהיגע לאקאלע אדמיניסטראציע.

קומט אין מאסען! ברענגט אייער מעמבער קארד.

---

אונזער אפּיס וועט מופען נאך 60 וועסט 35טע סטריט,
**מאנטאג, דעם 21טען אפּריל.**

---

וואהלען פאר לאקאלע בעאמטע עלען פארקומען
**דאנערשטאג, דעם 15טען מאי.**
**עקזעקוטיוו באארד לאק. 22, א. ל. ג. וו. י.**

נ. מארגאליס, טשערמאן. דזש. שפּילמאן, מענעדזשער.

# ברודער שלעזינגער אינסטאלירט נייע דרעסמאכער דזשאינט באארד

(שלוס פון זייט 1)

פארשטעהט אויסגעצייכענט די לאגע און ווייס ווי אזוי צו פאראייניגען די פארגאנגענהייט מיט דער צוקונפט. שלעזינגער האט טאקע דערמיט אנגעפאנגען זיין רעדע.

„ביי פייערליכע געלעגענהייטען, — האט דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל געזאגט, — שטאלצירען מיר זעהר אפט מיט אונזער רייכער פארגאנגענהייט. דער שטאלץ און דער רוהם פון אונזער פארגאנגענהייט האט אבער נאר א ווערט און א באדייטונג ווען מיר פארבינדען און נוצען אויס אונזער פארגאנגענהייט מיט דער צוקונפט פון אונזער ארגאניזאציע. אונזער עקזיסטענץ ליגט ניט אין דער פארגאנגענהייט נאר אין דער צוקונפט, און איך וואלט געוואלט, אז איהר אלע זאלט דאס גוט געדענקען גראד היינט, ווען איהר ווערט זעלבסטשטענדיג אין אייערע גרויסע פליכטען און אויפגאבען.

„די אינטערנעשאנאל, — האט שלעזינגער ווייטער געזאגט — אט די ארגאניזאציע פון אימיגראנטען, איז שטענדיג געווען פון די ענערגישסטע און פראגרעסיווסטע ארבייטער יוניאנס פון לאנד. מיר האבען די ערשטע אויפגעהויבען דעם קאמף געגען דעם סוועטשאפ; מיר האבען די ערשטע איינגעפיהרט די 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך. אבער אין דער צוקונפט ווילען אונז די 40 שטונדען ניט צופרידענשטעלען. סיי צוליב דער ענטוויקלונג פון די נייע מאשינען און סיי צוליב דער פארגרעסערונג פון ארבייטסלאזיגקייט, וועט דער ארבייטס־טאג מוזען קירצער ווערען. און אויב דער קירצערער ארבייטס־טאג וועט איינגעשטעלט ווערען דא אי לאנד, וועט אונזער אינטערנעשאנאל ווידער זיין די ערשטע צו מאכען דיזען פראגרעס".

ברודער שלעזינגער האט זיך אין זיין רעדע אפגעשטעלט אויף דער ארבייטסלאזיגקייט, וואס איז איצט אזוי פארשפרייט אין אלע אינדוסטריען. ער האט ערקלערט, אז די 7־שטונדיגע, 5־טאגיגע ארבייטס־וואך מוז איינגעפיהרט ווערען כדי צו מאכען מעגליך פאר אנדערע ארבייטער אויך צו קענען ארבייטען און צו מאכען א לעבען.

ברודער שלעזינגער האט אויך גערעדט וועגען איינפיהרען ארבייטסלאזען־אינשורענס. „מיט אויטאמאטישע מאשינען, וואס פארנעמען דעם פלאץ פון לעבעדיגע מענשען אלץ מעהר און מעהר, וועט אפילו אונטער א פארקירצטער ארבייטס־וואך אויך זיין ארבייטסלאזיגקייט", האט פרעז. שלעזינגער ערקלערט.

ער האט אויך גערעדט וועגען איינפיהרען „אלד איידזש פענסיע" פאר ארבייטער. „אויב אונזער לאנד צאהלט פענסיע צו סאלדאטען, וועלכע האבען איהר געדינט אין צייט פון מלחמה, ווארום זאל אונזער לאנד ניט צאהלען קיין פענסיע צו ארבייטער, וועלכע האבען די בעסטע יאהרען פון זייערע לעבענס געדינט איהרע אינדוסטריען?" — האט שלעזינגער געפרעגט.

פרעז. שלעזינגער איז דאן צוגעקומען צו דער פראגע פון דער באזונדערער דזשאינט באארד פאר די דרעסמאכער און האט, אונטער דער גרעסטער באגייסטערונג פון אלע פארזאמעלטע, אויסגערופען:

„מיר צוטיילען די דזשאינט באארד, אבער ניט די ארבייטער פון די דאזיגע ביידע טריידס. די ארבייטער קענען מיר ניט צוטיילען, ווייל זיי האבען די זעלבע אינטערעסען, די זעלבע אידעאלען און דעם זעלבען קאמף צו פיהרען. עס ווערט בלויז צוטיילט די מענעדזשמענט".

אנווייזענדיג, אז די דרעס־אינדוסטריע איז איצט גרויס אויסגעוואקסען, איז פיל גרעסער ווי די קלאוק־אינדוסטריע, האט שלעזינגער ערקלערט, אז די צוטיילונג אין צוויי באזונדערע דזשאינט באארדס וועט זיין בענעפיט פאר'ן פון די ארבייטער אין דער דרעס־אינדוסטריע.

נאכדעם ווי ברודער שלעזינגער האט אנגעוויזען אויף די פראבלעמען און די אויפגאבען, וואס די נייע דרעס־מאכער דזשאינט באארד וועט גלייך דארפען אויפנעמען; אויף די פארשידענארטיגע ארבייט, וואס זי וועט דארפען דורכפיהרען, ווי ארגאניזירען דעם טריד, אויסווארצלען די סוועט שעפער און קעמפען פאר אלץ בעסערע און בעסערע באדינגונגען פאר די ארבייטער אין דער דרעס אינדוסטריע, האט ער פארענדיגט זיין רעדע מיט אן אפיל פאר אייניגקייט און סאלידאריטעט צווישען די ארבייטער און ביידע דזשאינט באארדס פון דער אינטערנעשאנאל.

שלעזינגער'ס רעדע איז אויפגענומען געווארען און איז פיעל מאל איבערגעריסען געווארען מיט רוישענדע אפלאָדיסמענטען. ווען ער האט פארענדיגט זיין אינטערעסאנטע רעדע, האט איהם דער גאנצער מיטינג געמאכט א באגייסטערטע אוואציע.

אין זעלבען זין האבען גערעדט די איבעריגע רעדנער.

עס האבען באגריסט די נייע דזשאינט באארד: מענעדזשער נאגלער, אין נאמען פון קלאוקמאכער דזשאינט באארד, וועלכער האט דער דרעסמאכער דזשאינט באארד פארשפראכען די שטיצע און קאאפעראציע פון דער קלאוקמאכער יוניאן; נינפא, מענעדזשער פון איטאליענישען קלאוקמאכער לאקאל 48; וויס־פרעזידענט רייזבערג, פון פילאדעלפיא; וויליאם בלום, טשערמאן פון קלאוקמאכער דזשאינט באארד; וואנדער, סעקרעטער־טרעזשורער פון קלאוקמאכער דזשאינט באארד; העלער, מענעדזשער פון לאקאל 17; פערלמוטער, מענעדזשער פון קאטערס לאקאל 10; קוירצמאן, מענעדזשער פון לאקאל 9; ברעסלאוו, מענעדזשער פון פרעסערס לאקאל 35; שפילמאן, מענעדזשער פון דרעסמאכער לאקאל 22; אנטאניני, מענעדזשער פון איטאליענישען דרעסמאכער לאקאל 89, און האכמאן, וועלכער איז ביז איצט געווען דער סופערווייזער פון דרעס דעפארטמענט.

די אלע באגריסער האבען אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז די דרעסמאכער האבען זיך אפגעטיילט פון די קלאוקמאכער בלויז אפיציעל, אבער ניט אין גייסט, און זיי האבען פארשפראכען די הילף און קאאפעראציע פון זייערע לאקאלס און ארגאניזאציעס דער נייער דרעסמאכער דזשאינט באארד.

די נייע דזשאינט באארד האט זיך גלייך ארגאניזירט און איינגעשטעלט. עס זיינען אויפ'ן שטעל פארגעקומען וואהלען פאר באאמטע און די פאלגענדע זיינען ערוועהלט געווארען:

האכמאן איז ערוויילט געווארען אלס דער דזשענעראל מענעדזשער פון דרעסמאכער דזשאינט באארד; וואסילעווסקי, פון לאקאל 35, איז ערוויילט געווארען אלס טשערמאן פון דזשאינט באארד; בען עוורי, פון לאקאל 10, וויס טשערמאן, און אנטאניא קריוועלאר, סעקרעטער־טרעזשורער פון נייעם דרעסמאכער דזשאינט באארד.

די נייע דרעסמאכער דזשאינט באארד באשטעהט פון 24 דעלעגאטען, 8 דעלעגאטען פון לאקאל 22, 8 דעלעגאטען פון לאקאל 89, 4 פון לאקאל 10 און 4 פון לאקאל 35.

### ברודער באראף'ס באגריסונגס־טעלעגראמע.

טארינגטאן, קאנ., אפריל 5, 1930.

מר. ד. דובינסקי,
סעקר.־טרעזש. א. ל. ג. וו. י.,

איך שליס זיך אן אן אייך ביי דער איצטיגער וויכטיגער געלעגענהייט, ווען איהר זיינט זיך צוזאמענגעקומען אינסטאלירען די נייע דזשאינט באארד פון דער דרעס און ווייסט מאכער יוניאן, און איך שיק אייך מיין הארציגסטע באגריסונג. איך בין זעהר צופרידען, ווייל איך האב גרויסע האפנונגען, אז דיזער באשלוס פון גענ. עקז. באארד אויפצולעבען די דזשאינט באארד אין דער דרעס־אינדוסטריע וועט צוריקברענגען די יוניאן צו איהר הונדערט־פראצענטיגער שטארקייט.

צו אייך, באאמטע און אקטיווע מיטגלידער, רוף איך און בעט אייך צו ווייזען דעם גענ. עקז. באארד, אז זייער גלויבען אין אייער פעהיגקייט און איבערגעבענהייט צו דער יוניאן איז א בארעכטיגטער.

איהר טארט זיך אויף קיינעם ניט פארלאזען. איהר האט ניט אויף וועמען ווארפען די שולד. איהר זיינט איצט די בעלי בתים פון דער לאגע, און איך בין איבערצייגט אז איהר וועט זיך ארויסווייזען אלס דערוואקסען צו דער אויפגאבע.

פארווערטס, ברידער און שוועסטער, מיט דער איבערגעבענהייט און מיט דער ליבע וואס מיר האבען פאר דער ארבייטער־באוועגונג! לאמיר ארבייטען הארמאניש פאר א שטארקער און מעכטיגער יוניאן, אזוי אז די מיטגלידער זאלען האבען דעם בענעפיט וואס א שטארקע יוניאן קען געבען.

ברידערליך אייערער,
אברהם באראף,
מיטגליד פון לאקאל 22.

# פרעזידענט שלעזינגער'ס באזוך אין קליוולאנד און שיקאגא

(שלוס פון זייט 1)

וועגען די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט, ער האט אויסגעדריקט די האפנונג אז די שרעקליך שלעכטע צייט וואס די ארבייטער פון אונזער אינדוסטריע מאכען איצט דורך, וועט זיי ניט ארונטערשלאגען פון מוט און זיי וועלען פארטזעצען די גרויסע און וויכטיגע ארבייט פון אויפהאלטען זייערע ארגאניזאציעס.

אין די פאר טעג, וואס שלעזינגער האט פארבראכט אין קליוולאנד, האט ער אויך גרינדליך באשפראכען מיט די באאמטע פון דער קליוולענדער דזשאינט באארד דעם צושטאנד פון דעם סטרייק געגען בלומפילד און די אנדערע פיער דרעס־באסעס, וועלכען מיר האבען שוין איבערגעבען דערמאנט. עס איז גאנץ ווארשיינליך אז דער סטרייק וועט איצט אויפגעגעבען ווערען, אבער מיט דער פארשטענדניס אז נעקסטען סיזאן זאל דער סטרייק געגען זיי באנייט ווערען. אין אנדערע ווערטער, אז די יוניאן וועט ניט לאזען די פינף שעפער אפריכטען ביז זיי וועלען זיין געצוואונגען אויפצוגעבען זייער אפען־שאפ משוגעת און זייערע אויטסייד סוועט־שעפער. די קליוולאנדער ענגלישע פרעסע איז זעהר סימפאטיש צו אונזער יוניאן און צו אונזער טעטיגקייט געגען די סוועט־שעפער, און עס איז מעהר ווי זיכער אז צו יעדער צייט ווען מיר וועלען באנייען דעם קאמף געגען דיזע פינף באסעס, וועט די קליוולאנדער פרעסע זיין מיט אונז.

אין שיקאגא האט ברודער שלעזינגער פארבראכט פינף טעג. ער האט אדרעסירט א מיטינג פון דעם דארטיגען דזשאינט באארד, צו וועלכען עס זיינען אויך געווען איינגעלאדען א גרויסע צאהל שאפ־טשערלייטס און אקטיווע מיטגלידער פון די דארטיגע לאקאלס. ער האט אויך געהאט עטליכע קאנפערענצען מיט דער פירמע שענקער, מישעל און וויינשטאק, וועלכע האט באשלאסען צו עפענען א ברענטש פון איהר שיקאגאער פעקטארי אין א שטאדט אויסער שיקאגא. די 200 ארבייטער פון דער שיקאגאער פעקטארי זיינען נאטירליך אלע דאגעגען צו ערלויבען די פירמע אזא ברענטש־שאפ צו עפענען. די אנגעלעגענהייט איז נאך פארלויפיג ניט געסעטעלט, אבער עס איז מעהר ווי זיכער אז דער סכסוך וועט ווערען אויסגעגליכען אויף אן אופן, וואס וועט זיין פאלשטענדיג צופרידענשטעלענד פאר די ארבייטער.

שלעזינגער האט אויך געהאט א קאנפערענץ מיט די אפיסערס פון דער שיקאגאער קלאוק און סוט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. די מאנופעקטשורערס האבען זיך שטארק באקלאגט אז דער קלאוק טרייד אין שיקאגא ווערט פון יאהר צו יאהר אלץ קלענער. די אורזאכע וואס זיי האבען אנגעגעבען פאר דעם איז וואס די ארבייטער ארבייטען פון וואך. אונטער שטיק־ארבייט וואלטען צוגעקומען מאנופעקטשורערס, אונטער וואך־ארבייט פאלען זיי אפ, — האָבען זיי גע'טענה'ט. פרעזידענט שלעזינגער האט זיי ערקלערט אז דער סיסטעם פון וואך־ארבייט עקזיסטירט ניט בלויז אין שיקאגא, נאר כמעט אין יעדען קלאוק צענטער פון לאנד און אז עס איז זיין איבערצייגונג אז דער טרייד אין שיקאגא איז ניט געווארען קלענער צוליב וואך־ארבייט, נאר צוליב די פיעל טיפערע אורזאכע, וואס דער דרעס טרייד איז דורך די לעצטע אייניגע יאהר ריזיג אויסגעוואקסען. דיזע צוויי טריידס, האט זיי שלעזינגער ערקלערט, פיהרען אן צווישען זיך א שארפען קאמף צו פארנעמען דעם ערשטען פלאץ אין דער אינדוסטריע און מיט ווייפיל עס געווינט איין טרייד, מיט אזוי פיעל פארלירט דער צווייטער טרייד.

די הויפט באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל מאכען איצט א גרינדליכע אונטערזוכונג פון די צושטענדע אין דיזע צוויי טריידס.

פרעזידענט שלעזינגער האט אויך געהאט א מיטינג מיט קאמיטעס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין שיקאגא וועגען אנפאנגען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין דער דארטיגער דרעס אינדוסטריע. אין שיקאגא זיינען דא נאהענט צו 7,000 דרעסמאכער, מענער און פרויען, אבער בלויז א קליינע צאהל ארבייטען און פארדינען ווי מענשען. די גרויסע, גרויסע מאיאריטעט ווערען פון זייערע באסעס עקספלואטירט אויף דעם ערגסטען אופן. אלע איבלען וואס די דרעסמאכער פון ניו יארק און פון אנדערע שטעדט האבען שוין לאנג אפגעשאפט, עקזיסטירען נאך אלץ אין שיקאגא. נידעריגע וויידזשעס, לאנגע שטונדען און קיין ברעקעל רעספעקט פאר דעם ארבייטער. מאכט אן ארבייטער א קרומע מינע, ווערט ער ארויסגעווארפען פון שאפ.

די קאמיטעס פון די שיקאגאער לאקאלס האבען צוגעשטעלט צו ברודער שלעזינגער'ן טאבעלען פון וויידזשעס וואס דרעסמאכער פארדינען אין שיקאגא. אין פיעלע שעפער פארדינען מיידלאך אפערייטארינס ניט מעהר ווי צעהן דאלאר א וואך, ארבייטענדיג 52 שטונדען א וואך. דאס מיינט אז פיעלע באַסעס צאהלען זייערע אפערייטארינס אזוי ווייניג ווי צוואנציג סענט א שטונדע.

אין א סטייטמענט פאר דער פרעסע האט שלעזינגער ערקלערט, אז די אינטערנעשאנאל וועט אנפאנגען א דרייוו צו ארגאניזירען די שיקאגאער דרעסמאכער און אז ער וועט אין קורצען ווידער קומען אין שיקאגא און אנפאנגען פארהאנדלונגען מיט די דרעס מאנופעקטשורערס פאר א פרידליכען סעטלמענט. אויב דאס וועט ניט געלינגען, וועט די אינטערנעשאנאל זיך באלד אנפאנגען צוצוגרייטען ארויסצורופען די שיקאגאער דרעסמאכער אין א דזשענעראל סטרייק.

דער מאגען?

עקס-לאקס!

# אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג

פון פ. קראקאווסקי.

די ארבייטסלאזיגקייט, וואס הערשט אין לאנד איז נאך אלץ באזונדערס גרויס. פאר די וואל סטריט ספעקולאנטען זיינען שוין געקומען בעסערע טעג. פאר די ארבייטער עקזיסטירען אבער נאך אלץ די אלטע צרות און זארגען, וואס עס ברענגט מיט זיך די ארבייטסלאזיגקייט.

די צרות און זארגען זיינען אזוי גרויס, אז זיי האבען שוין אפילו געווירקט אויף אונזערע רעגירונגס־קרייזען אין וואשינגטאן, און די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען אין דער הויפטשטאדט פון אונזער גרויסער אמעריקע האבען זיך אנגעפאנגען צו פאראינטערעסירען מיט אט דעם פראבלעם.

סענאטאר וואגנער פון ניו יארק האט אריינגעטראגען א געזעץ־פראיעקט אין סענאט, וועלכער פארלאנגט מלוכה־הילף פאר די ארבייטסלאזע ארבייטער מאסען אין לאנד. די סענאט קאמיטע האט צו דיזען צוועק ארגאנזירט א „הירינג" וועגען אט דעם געזעץ־פראיעקט און ביי דער דאזיגער הירינג האט פרעזידענט גרין פון דער א. פ. או ל. געהאלטען א זעהר אינטערעסאנטע רעדע לטובת סענאטאר וואגנער'ס ביל. אין אט דער רעדע פארלאנגט דער פארטרעטער פון די אמעריקאנער ארבייטער א סך מעהר ווי דער געזעץ פראיעקט זאגט צו.

צוליב דער וויכטיגקייט פון דער פראגע, ברענגען מיר דא עטליכע אינטערעסאנטע אויסצוגען:

„אויב די רעגירונג וועט גלייך ניט נעמען קיין שריט געגען ארבייטסלאזיגקייט, — האט גרין אנגעפאנגען זיין רעדע — וועט מען אדער מוזען איינפיהרען א פענסיע פאר די, וואס געהען ארום אהן דזשאבס, אדער עס וועט אויסברעכען א רעוואלוציע אין לאנד".

גרין האט געבראכט פאקטען און ציפערען, אז די לאגע איצט איז אן אומערטרעגליכע. איבער 3 מיליאן 700 טויזענט מענשען — 25 פראצענט פון אלע ווייידזש־ארבייטער — געהען ארום אהן דזשאבס, און די רעגירונג טוט כמעט גארניט זיי צו העלפען. און ניט נאר ליידען נויט די קנאפע 4 מיליאן מענשען מיט זייערע פאמיליעס, נאר עס ווערט אויך אפגעשוואכט די עקאנאמישע פעסטקייט פון אלע אינדוסטריען. אין די לעצטע דריי מאנאט, צום ביישפיל, האבען די איינוואוינער אין אמעריקא צוליב דער ארבייטסלאזיגקייט געהאט מיט טויזענט מיליאן דאלאר ווייניגער „ספענדינג־מאני" ווי פריהער. דאס הייסט דעריבער, אז זיי האבען געמוזט קויפען מיט טויזענט מיליאן דאלאר ווייניגער פראדוקטען, און אזא זאך רופט זיך נאטירליך זעהר שטארק אפ אין אלע טריידס און אינדוסטריעס.

גרין האט אויך איבערראשט איינינגע סענאטארען ווען ער האט געוויזען, אז אין די לעצטע דריי יאהר, אין די צייטען פון דער זאגענאנטער פראספעריטי, איז די ארבייטסלאזיגקייט קיינמאל ניט קלענער ווי 9 פראצענט.

דערביי האט דער פרעזידענט פון דער א. פ. או ל. געוויזען, אז נאר א גרויסער טייל פון דער פאראנטווארטליכקייט פאלט אויף די פארביסענע מאגנאטען פון די פארשידענע אינדוסטריען, וואס האבען פיינט די יוניאנס.

„די יוניאנס וואלטען געקענט פיל ארויסהעלפען צו לייזען דעם פראבלעם", האט גרין ערקלערט, „אבער מיר זעהען נאר, אז אין אזעלכע אינדוסטריעלע צענטרען ווי דעטראיט און טאלידא, האבען די גרויסע באלעבאטים א גרעסערע שנאה צו דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר ווי צו די קאמוניסטען. און ווען דער קריזיס קומט אן, ווארפען זיי די ארבייטער ארויס אויפ'ן גאס, און פארלאזען זיך אויף דעם, אז די טשאריטיס וועלען אויף זיי אכטונג געבען".

„ווען די טרייד־יוניאנס וואלטען ניט געהאט געגען זיך די אלע מעכטיגע באלעבאטים, וואלטען זיי געקענט ארויסהעלפען זייערע מעמבערס איבערצוקומען באטש די סעזאן־ארבייטסלאזיגקייט. אייניגע פראגרעסיווע באלעבאטים ארבייטען מאקע צוזאמען מיט די יוניאנס און שאפען פאנדס פאר דעם צוועק".

„די באלעבאטים מוזען דעריבער ענ־דערען זייער טאקטיק און די רעגירונג מוז אויך נעמען שריט געגען דער ארבייטסלאזיגקייט, אניט וועט קומען א צייט, ווען עס וועט קיין אנדער ברירה ניט זיין ווי אויסטיילען פענסיעס פאר די ארבייטסלאזע. אודאי איז בעסער, אז מענשען זאלען קריגען געלד פאר ארבייטען, אבער אויב זיי געהען ארום הונגעריגע א לענגערע צייט, וועט די רעגירונג זיין געצוואונגען זיי עפעס צו געבען. אנדערש איז א רעוואלוציע אומפארמיידליך", האט גרין געזאגט.

דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר האט אנגעגעבען פיער זאכען, וואס קענען געטאן ווערען אום צו לינדערען די לאגע.

1. די רעגירונג דארף עפענען פרייע איידזשענסיס, וואס זאלען געפינען דזשאבס פאר ארבייטער.

2. די ארבייטער, וואס פארלירען זייערע דזשאבס דורך דער איינפיהרונג פון מאשינען, זאלען געהאלפען ווערען דורך עקספערטען־ראטגעבער און טרייד־סקולס אויף אזא אופן, אז זיי זאלען קענען קריגען נייע ארבייט מיט ניט קיין קלענערען איינקונפט ווי פריהער.

3. מען מוז געפינען ארבייט פאר מיטעל־יעהריגע און עלטערע מענשען. פאר דיזען צוועק דארף מען נענוי באטראכטען אלע דזשאבס און זעהען וואו די עלטערע ארבייטער פאסען זיך אריין.

4. עס דארף זיין אלעמאל אנגעגרייט א פראגראם פון פאבליק קאנסטראקשאן ארבייט אום צו שאפען דזשאבס אין פאל פון א קריזיס. וועגען דעם רעדט מען שוין יאהרען און יאהרען און פונדעסטוועגען, ווען דער איצטיגער קריזיס איז געקומען, האט די רעגירונג וועגען דעם נאך אלץ ניט געהאט קיין געזעץ און קיין מיטעל דאס אריינצוברענגען אין קראפט.

אין באצוג צו די קריזיסען, האט גרין געזאגט, אז עס איז שוין צייט צו רעדען וועגען א 5־טאגיגע ארבייטס־וואך, ווארום די איינפיהרונג פון קלענערע שטונדען איז די בעסטע רפואה צו ארבייטסלאזיגקייט.

גרין'ס עדות־זאגען האט געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק אויף דער סענאט קאמיטע. צוזאמען מיט איהם האט אויך געזאלט ערשיינען נארמאן טאמאס, דער סאציאליסטישער פיהרער, אבער ער האט ניט געקענט קומען און ער האט צוגעשיקט א בריעף.

אין דעם בריעף זאגט גענאסע טהאמאס, אז עס איז די פליכט פון דער געזעלשאפט זיך צו זארגען פאר די ארבייטער, וועלכע ווערען ארויסגעווארפען פון זייערע דזשאבס.

פאר אלעמען זארגט זיך די רעגירונג, ערקלערט טהאמאס, די פעדעראל רעזווירוו סיסטעם זעהט דערצו, אז די באנק־מענשען זאלען ניט ליידען. דער טאריף באשיצט די מאנופעקטשורערס, און דער קאנגרעס דיסקוטירט איצט וועגען מיטלען צו העלפען דעם פארמער.

„אבער פאר די ארבייטסלאזע איז דערווייל נאך גארנישט געטאן געווארען. עס איז דער גרעסטער פארברעכען, אז די ארימע מאסען זאלען מוזען צאהלען פאר דעם, וואס די אינדוסטריע פראגרעסירט און פיהרט איין מאשינען. יעדע אימפראוועמענט אין מאשינערי וואלט געדארפט פיהרען דערצו, אז די ארבייטער זאלען גארנישט פארלירען, נאר קריגען מעהר פרייע צייט פאר זיך. די פעדעראלע רעגירונג וואלט געדארפט ווייזען א ביישפיל און איינפיהרען די 5־טאגיגע וואך".

* *

פרעזידענט הואווער דינגט אפ זיינע וואל סטריט באלעבאטים, וועלכע האבען איהם געמאכט פאר'ן ערשטען בירגער פון דער גרויסער מדינה, אויף א העכסט דאנקבארען אופן. ניט לאנג צוריק האט ער באשטימט פאר'ן העכסטען ריכטעראמט פון לאנד טשארלס איוואנס יוהז, וועלכער איז א טיפישער פארטרעטער פון גרויס־קאפיטאל. האט ער אבער דערמיט נאך ניט גענוג יוצא געווען און האט גלייך דערנאך באשטימט א אויסגעשפראכענעם יוניאן פרעסער אויפ'ן ארט פון'ם פארשטארבענעם סופרים קאורט ריכטער סטאנפארד.

געגען דער באשטימונג פון דעם „יעלאו דאג" דזשאדזש פארקער איז שארף ארויסגעטראטען די גאנצע טרייד יוניאן באוועגונג אין לאנד.

פרעזידענט גרין, פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, האט צוגעשיקט צום סענאט אן אפיציעלען פראטעסט פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט געגען פארקער'ס באשטימונג.

דעם פראטעסט האט גרין אדרעסירט צו די סענאטארען באראה, נאריס און אווערמאן פון דער דזשודישערי קאמיטע, און אין איהם גיט גרין אן אן אויספירליכען ליסט פון ארגומענטען, פארוואס פארקער'ס נאמינאציע טאר ניט גוטגעהייסען ווערען.

דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר ציינגט אן, אז פארקער האט ביז איצט אלס דזשאדזש זיך ארויסגעצייגט פאר א שונא פון ארבייטער און בלינדער פארטיידיגער פון די פריווילעגירטע עקספלואטאטארס. ער בארופט זיך אויף דער באריהמטער ענטשיידונג פון פארקער וועגען „יעלאו דאג" קאנטראקטס, וואס איינצעלנע מאנופעקטשורערס האבען געזוכט ארויפצוצווינגען אויף אונארגאניזירטע קוילען־מאינערס פון וועסט ווירדזשיניא. אזא מאן, זאגט גרין, טאר ניט פארנעמען אזא וויכטיגען אמט, ווי דער הויפט ריכטער פון לאנד, וואו איהם קומט אויס צו ענטשיידען דעם שיקזאל פון מיליאנען מענשען.

די אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן איז געווען צווישען די ערשטע טרייד יוניאנס אין לאנד, וואס האט זיך גלייך סאלידאריזירט מיט פרעזידענט גרין'ס פראטעסט. בענדזשאמין שלעזינגער, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל, האט ארויסגעשיקט א טעלעגראמע צו אלע דריי מיטגלידער פון דער דזשודישערי קאמיטע מיט א שארפען פראטעסט געגען פארקער'ס באשטימונג. שלעזינגער האט אויך ארויסגעשיקט אן עהנליכע טעלעגראמע צו די סענאטארען וואגנער און קאפלאנד, פון ניו יארק סטייט, און צו א גאנצע רייהע אנדערע סענאטארען.

* *

לויט דעם באריכט פון גענעראל סעקרעטער פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין אמעריקא, וועלכען ער האט אפגעגעבען אויפ'ן פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דער פארטיי, וואס איז נאר וואס אפגעהאלטען געווארען אין לאס אנדזשעלעס, האט די סאציאליסטישע פארטיי אין לויף פון די לעצטע דריי חדשים געוואונען דריי טויזענט מיטגלידער.

פון די פרעמד־שפראכענע פעדעראציעס, האט דער אידישער סאציאליסטישער פארבאנד געוואונען אמשטארקסטען אין דעם לעצטען מעמבערשיפ דרייוו.

אין סעקרעטער סיניאר'ס באריכט זיינען געווען אויך אנדערע דערפרעהענדע טיילען וועגען פארשידענע ארבייטען פון דער סאציאליסטישער פארטיי־טעטיגקייט.

די עקזעקוטיוו האט אויך אויפגענומען די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט און האט אויסגעארבייט אינסטרוקציעס צו די ארטיגע ארגאניזאציעס וועגען דעם קאמפיין ארום דער פראגע. זי האט אויך אנגענומען דעם טעקסט פון אן אפיציעלען ערשטען מאי מאניפעסט און אויפגעפאדערט די ארגאניזאציעס צו אנטוויקלען א ברייטע באוועגונג ארום דעם ארבייטער יום טוב אין פארבינדונג מיט די שטרייט־אישום פון טאג.

# ווי אזוי צו געווינען מיטגלידער פאר דער יוניאן

פון מ. צינקין.

צווישען יוניאן־לייט איז אנגענומען, אז עס איז בעסער, סאי מאראליש און סאי פינאנציעל, צו ארבייטען אין א יוניאן־שאפ ווי אין אן אפען־שאפ, און טאקע דערפאר זיינען זיי אזוי מיט לייב און לעבען פאר דער יוניאן. איז ווען די ארבייטער אין די ניט־יוניאן שעפער וואלטען אויך אזוי געפיהלט און פארשטאנען די זאך ווי די יוניאן־לייט, וואלטען זיי דאך אויך געקומען אין דער יוניאן און געמאכט זייערע שעפער פאר יוניאן־שעפער. איז פארוואס קומען זיי ניט אין דער יוניאן, ווייל זיי זיינען נאך ניט געקומען צו דעם דאזיגען פארשטאנד, פאלגליך דארף זיך די יוניאן נעמען צו דער ארבייט, איבערצייגען די יעניגע ארבייטער, אז עס איז בעסער פאר זיי צו זיין יוניאן־לייט און צו ארבייטען אין יוניאן־שעפער. אבער דאס מוז געטאן ווערען סיסטעמאטיש און גרינטליך, ניט מיט קיין פוסטע פראזען און ניט מיט קיין אויבערפלעכליכע און שרייענדיגע ליפלעטס. מען דארף יענע ארבייטער איבערצייגען מיט ציפערען, אז דער פארדינסט אין א יוניאן־שאפ איז א העכערער ווי אין דעם נאן־יוניאן שאפ; אז די שטונדען זיינען קירצער און אז די סאניטאציע איז א בעסערע, און אזוי אין אלע איבעריגע פונקטען. אבער דאס מוז געטאן ווערען זאכליך, גרינטליך און אויפריכטיג. איך [illegible]

אז אזא קאמפעין וואלט געבראכט גרויסע רעזולטאטען.

א דזשאבער האט, לאמיר זאגען, צוויי יוניאן קאנטראקטארס און צוויי ניט־יוניאן, איז וואלט געווען זעהר א גוטע זאך, ווען מען ברייננגט צוזאמען צו א מיטינג די ארבייטער פון אלע פיער קאנטראקטארס און זאלען זיך די ארבייטער פון די ניט־יוניאן קאנטראקטארס איבערצייגען מיט וויפיעל זיי זיינען ערגער אפ פאר די ארבייטער אין די יוניאן שעפער. און די זעלבע זאך קען געטאן ווערען מיט די ארבייטער פון צוויי אינסייד מאנופעקטשורערס אדער צוויי דזשאבבערס. און די וויירקליכע רעזולטאטען פון אזעלכע מיטינגען זאלען ווייט און ברייט פארעפענטליכט ווערען אין דער פרעסע. דאן דארף ווערען דער מאטיוו אין דער יוניאן גופא צוצוציהען וואס מעהר די מעמבערס צו אקטיוויטעט, צו שאפען וואס מעהר אקטיווע יוניאן־לייט. עס דארף אויך געשאפען ווערען א ברייטע ענטערטעינמענט פאליסי, וועלכע זאל האלטען דעם ריינק־און־פיילער וואס נאהענטער צו זיין יוניאן. די יוניאן טאר מעהר ניט זיין דער פלאץ, וואו מ'קומט און מ'באצאלט דיוס עטליכע מאל אין יאהר, אדער וואו מ'קומט מיט א קאמפלעין איין מאל אין א שמיטה. די יוניאן מוז זיך גייסטיג צורוקען א היבש ביסעל נעהענטער צו דעם מעמבער ווי אין די פריהערדיגע צייטען. עס מוז אפגעשאפט ווערען די מחיצה צווישען דער „יוניע" און דעם מעמבער. דערצו דארף מען זעהן, אז דער בעאמטענטום פון דער יוניאן זאל זיין א יינגערער, א מאדערנערער, אן ענגליש־שפרעכענדער, ער זאל זיין מעהר צום הארצען דעם היינטיגען, נייעם אמעריקאנעזירטען און אמעריקאנעם עלעמענט, וועלכען מיר קריגען יעצט אריין אין דער יוניאן.

דאן דענק איך וואלט ניט געשאדט צו האבען א באזונדער לאקאל פאר די פינישערס, דרייפערס און עקזאמינערס. ווי עס איז יעצט, זיינען זיי דער שוואכסטער און אפגעשטאנענער עלעמענט אין אונזער יוניאן. א באזונדער לאקאל וואלט זיי אויפגעלעבט, וואלט געשאפען א נייעם אקטיווען עלעמענט אין דער יוניאן צום נוצען און בענעפיט פאר זיי און פאר דער גאנצער יוניאן אין אלגעמיין. פריהער, אז מיר זיינען געווען צוזאמען מיט די קלאוקמאכער, איז אזא זאך געווען ניט פראקטיש. אין יעצטער דזשאינט באארד איז שוין אזוי אויך געווען צופיעל לאקאלען און צופיעל טומעל, אבער איצט וואלט דאס געווען זעהר א גוטע זאך. מיר נויטיגען זיך דאך אין אקטיווע, באוואוסטזיניגע מעמבערס, און אזא לאקאל וואלט געשאפען נאך א נייעם טעטיגען עלעמענט אין דער יוניאן. וואס האט אבער דאס צו טאן מיט אן ארגאניזיישאן קאמפיין? וועט מען מסתמא פרעגען. איך דענק אבער, אז דאס האט א סך צו טאן מיט דעם, ווייל דורך דעם וואלט אונז צוגעקומען נאך אקטיווע, בעסערע און שטארקערע יוניאן־לייט, וועלכע פארשפרייטען מעהר און מעהר דעם געדאנק און דעם אידעאל פון דעם טרייד־יוניאניזם.

„די באלעבאטים מוזען דעריבער ענ־

# היימישע מיידלאך

(ערצעהלונג)

פון אברהם רייזען

## ב.
## א דערוואקסען מיידעל.

ישראל איסערס האט זיך סאי אלס פאטער און סאי אלס מאן געפירט אין הויז זעהר שטרענג. זיינען די געשעפטען שלעכט געגאנגען, און שלעכט איז איינגענטליך געווען זייער שטענדיגער צושטאנד, איז ער געווען אודאי שטרענג און פארצארענט. טאמער האט אמאל פאסירט, אז א געשעפטעל האט זיך אויסגעלאזט גוט און ער האט פארדינט א פאר צענדליג רובעל, איז ער אודאי געווען ביי זיך תקיף. הייסט עס, אז ער איז דאך נים אבי ווער, טא האט זשע קינדער, דרך-ארץ! און מיט גדלות און שטרענג ווענדעט ער זיך שוין צו דער ווייב:

— קיילע, דערלאנג מיר א שטארקע גלאז טיי.

און צו די קינדער, וואס געפינען זיך אין שטוב און מעגען זיי האלטען זיך שטיל און פירען זייער שפילערייען און שמועסען כמעט ווי בסוד, איז פאר איהו אלץ צופיל העזה'דיג. צו זיי ווענדעט ער זיך נאך שטרענגער:

— וואס האט איהר זיך, חברה, צעהוליעט?... לאזט זיצען רוהיג!...

האט מען טאקע פאר איהם מורא געהאט, סאי די ווייב, סאי די קינדער, פון דעם קלענסטען לייבעלע, ביז דער עלטערער, גאלדען.

עס איז נאך א גליק וואס ישראל איסערס האט נישט ליב צו לאנג צו זיצען אין שטוב. צי עס איז דא וואס צו טאן אויפ'ן מארק אדער אין גאס, צי נישט, איהם ציהט צו מענשען, צו סוחרים, צו הענדלער, אדער גלאט צו שמועסען מיט מענשען וועגען מסחר.

אויפ'ן מארק, צי אין גאס, איז ער שוין גאר אן אנדערער, אן איידעלערער, א גוטמוטיגער, און זאל ער נאר פארמאגען, וועט ער אפילו בארגען יענעם א גמילת-חסד.

ווי אבער ער קומט אין זיין אייגענער שטוב, צווישען זיינע אייגענע, ווערט ער אן איבערגעקערטער. נישט דער זעלבער ישראל איסערס. קיין זאך געפעלט איהם נישט.

און אט כאפט ער זיך, אז אויף א פענסטער שטעהען צוויי בלומען-טעפ, קען ער נישט פארשטעהן צו וואס דארף מען דאס האבען. נאך זיין מיינונג, פארשטעלען זיי איהם בלויז די שיין.

און אויב די געשעפטען זיינען אין יענעם טאג צו שלעכט געווען, מוז שוין גאלדע צונעמען די וואזאנעס פון פענסטער און שטעלען זיי ערגעץ אנדערש.

כאפט ער זיך, אז אויפ'ן טיש ליגט דער אויסגעשטריקטער טישטוך, וואס גאלדע האט אליין אויסגעשטריקט, קיינער אין הויז ווייסט נים פארוואס, אבער ער איז א דם-שונא פון דעם דאזיגען טישטוך, און ער פראטעסטירט:

— צו וואס אינמיטען דער וואך אזא מין יום-טוב?... און איהר ווייסט דאך, אז איך האב פיינט אט די שמאכטע!...

און אמאל געפעלט איהם נישט, ווען ער איז אין שטוב, און מען קערט אוים די פאדלאגע.

— איך וואלט געוואלט וויסען צו וואס אינמיטען דערינגען קערען די שטוב? עס איז אזוי אויך גוט. מען לאזט נישט זיצען א ווײלע רוהיג, צו אלדי-שווארץ-יאהר!...

ווער רעדט, אז די יונגע גאלדע פלעגט זיך אמאל פארגעסען און פלעגט אנהויבען ביי עפעס אן ארבייט זינגען א לידעל, איז ער געווארען אויפגעקאכט:

— וואס פאר א מין זינגען אינמיטען דערינגען? — עס איז דיר שטארק פרייליך, הא? עס טוט דיר הנאה, וואס איך האב צוגעלייגט צום פעקעל ווייץ א צעהן רובעל, הא, טאכטער מיינע? דיר איז פרעהליך!

און דער יונגער גאלדעס ליד פלעגט גלייך אפגעריסען ווערען, און מיט א ליידענדער, שטומער מינע פלעגט זי זיך אנטשולדיגען.

איז אבער ווידער דאס אייגענע גליק — לאנג זיצען אין הויז קען ער נישט.

ציהט איהם צום מארק, צו מסחר, צו מענשען, און ער געהט, א פארצארענטער ארוים פון שטוב.

שטעלט שוין גאלדע די וואזאנעס ווידער אוועק אויפ'ן פענסטער, זינגענדיג. די מאמע נעמט קערען די שטוב און די קליינע קינדער הויבען זיך אן שפילען טומלדיג, פריי און הויך אויפ'ן קול... עס איז דא גענוג צייט: אין גאס זאמט ער זיך לאנג. —

איינמאל, ווען ישראל איסערס האט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, צושריגען אויף גאלדען, איז די שטענדיג-שווייגענדיגע מאמע, קיילע, ווי אן איבערגעביטענע אויפגעשפרונגען פון ארט, און מיט אויגען פול צארן האט זי זיך געווארפען צו איהם:

— זאג מיר, משוגענער, וואס שרייסטו אויף דער מיידעל?... דו מיינסט, אז זי איז נאך א קינד?... פארגעסט, אז זי איז שוין א דערוואקסענע מיידעל און מען דארף שוין טראכטען וועגען א שידוך פאר איהר?... און דו קענסט בלויז שרייען.

און דא איז ישראל איסערס געענדערט געווארען. אנשטאט צו ענטפערען דער ווייב צוריק, אדער מיט כעס ארויסלויפען פון הויז, איז ער געבליבען זיצען ווי צוגעשמידט, אנגעקוקט קיילען, נאכדעם גאלדען, פלוצלונג באמערקט איהר רייפקייט, און האט פארשעמט אראפגעלאזט דעם קאפ.

און אנשטאט צארן איז זיין הארץ פול געווארען מיט ליבשאפט צו גאלדען. א שידוך... ער האט גארניט געוואוסט... שוין א דערוואקסען מיידעל, ווי זי האט זיך צובליהט!... א פארגעניגען צו קוקען...

און פון דעם טאג אן איז ישראל איסערס געווארען ווייכער, טרויעריגער און פארטראכטער.

יעדע ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין הויז, וואס איז געווען נישט נאך זיין געשמאק, האט ער אנגענומען פאר ליב, פאר א סגולה צו א שידוך. צו די פריהערדיגע צוויי וואזאנעס, וועלכע ער האט אזוי פארפאלגט, זיינען צוגעקומען נאך דריי. איינע האט זיך אזוי צעוואקסען, אז זי האט צייטענווייז פארשטעלט די שיין פון דער זון אין פענסטער. אבער ישראל איסערס האט דאס מקבל געווען באהבה. „ווייס איך", האט ער געטראכט, „היינטיגע צייטען איז דאס א סגולה צו א שידוך... א הויז מיט וואזאנעס, זאלען זיי וואקסען"...

און ער פלעגט אמאל אליין בשתיקה אריינגיסען אין די בלומען-טעפ אביסעל וואסער, אז זיי זאלען בעסער וואקסען.

און ווער רעדט, אז גאלדע האט זיך צעזונגען, איז נישט נאר ער האט איהר שוין נישט געשטערט, נאר פארקערט, ער האט זיך בגנבה צוגעהערט, געשאצט איהר שטים און געקוואלען וואס זי זינגט נאר נישקשה'דיג, און דאס לידעל אליין איז אויך גאר טשיקאווע:

„מיין דאמע,
ברויך נישט קיין אמע..."
נאר נישקשה'דיג...

און נאכדעם האט זיך אנגעהויבען א געהן אין שניט-קראמען. מען האט געקויפט „סחורה" אויף א קלייד פאר גאלדען, א בלוזקע. די סחורה איז געווען אזעלכע געקווייטעלטע, געבלומטע... זיין „גוסט" איז אודאי אן אנדערער, נאר מסתמא מוז מען דאך... וואס אין שייך... א דערוואקסען מיידעל!

און ער פלעגט אליין, מיט א באזונדער געפיהל, באטאפען די סחורה, און ביים מעסטען פלעגט ער הנאה האבען צו קוקען, ווי שעהן גאלדע זעהט אוים...

מען האט שוין אפילו געוואגט צו פרעגען איהם מבינות:

— וואס זאגסטו, ישראל, געפעלט דיר?...

— וואס איז שייך, מיר געפעלט, איך בין דען א מבין? — פלעגט ער א נכנעדיגער ענטפערען, — מסתמא ווייסט איהר דאך בעסער... די קווייטלעך זיינען גאנץ שעהן.

און אז ער פלעגט אמאל זעהן ליגען אויפ'ן טיש א געוועהנליכען טישטוך, פלעגט ער מיט גרויס גוטסקייט באמערקען:

— הלמאי שפרייט איהר נישט אוים דעם געשטריקטען טישטוך?

און אז ער האט אמאל באמערקט ווי זיין גאלדע שטעהט פארנאכט ביים הויף לעבען הויז מיט א יונגען בחור, איז נים נאר ער איז נישט בייז געווארען, נאר זיין הארץ איז פול געווארען מיט עפעס נייע געפיהלען: „מנא... זאל זי פארברענגען, נים קיין סכנה, חלילה"...

און ווען זי איז אין א ווײלע ארום אריין אין שטוב, א גערויטעלטע, מיט לויכטענדיגע אויגען, און גרעסערע ווי געוויינליך, האט ער אביסעל פארשטעלטערהייט נישט קוקענדיג איהר אין די אויגען אריין, ווייך געפרעגט, און אזוי ווי כלאחר-יד:

— ווער איז דאס געווען דער יונגערמאן, כאטש עפעס א לייטישער?...

— א, דו מיינסט דעם בחור וואס איך בין מיט איהם געשטאנען ביי הויז, — דאס איז דאך לייזער דוד דעם בעקערס זוהן פון אונזער גאס, — פארענטפערט זיך גאלדע, פארשעמט.

— און אז נישט פון אונזער גאס, חלילה, ארט מיך דען?... וואס מיינסטו, איך האב מורא?... — ענטפערט ער מילד, ווי א נייער מענש.

און ער קוקט בגנבה אויף גאלדען, שאצט איהר שעהנקייט, איהר חן און ער פיהלט, ווי זיין הויז און זיין גאנץ לעבען איז פול געווארען מיט עפעס נייע האפענונגען און קומענדיגע פריידען...

---

**רעגיסטרירט אייך פאר פסח אין דער יוניטי הויז!**


**דער**
# ארבייטער רינג

**אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.**

**פארמאגט — $2,500,000.00**
**מיטגלידער — 83,000**
**ברענטשעס — 740**

דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

**דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.**

**מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.**

**אויב איהר זייט נאך נים קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!**

פאר אויסקונפט ווענדעט זיך:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**
**175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.**



**גוט און געשמאק**

**פסחדיגע**
מאכלים — פון מאנישעוויטץ מצה קומען ארויס זעהר געראטען, ווייל אלע מעלות פון דיזע מצה און מצה-פראדוקטען גיבען זיך איבער אין אלצדינג וואס איהר קאכט און באקט פון זיי לכבוד פסח.

# מאנישעוויטץ מצה

די מצה מיט אלע מעלות

מצה מעהל, מצה פארפעל, קעיק מעהל
אייער מצה, האול וויט מצות

# פון צייט צו צייט

פון צביון.

פסח וואָלט געווען אַ גאַנץ שעהנער יום טוב, ווען מיט איהם וואָלט זיך ניט בעענדיגט דער פריהלינג־סעזאָן פון קלאָוקס.

איך ווייס ניט, אויב צווישען די אידען, וואָס זיינען ארויס פון מצריים, זיינען אויך געווען קלאָוקמאַכער. אין מצריים קען מען דאכט זיך אינגאַנצען אויסקומען אָהן קלאָוקס. אַבער דרעסמאַכער זיינען דאָרטען זיכער געווען, ווארים אָהן דרעסעס קען מען אפילו אין מצריים ניט אויסקומען. און אין דעם פּרט קענען זיך די דרעסמאַכער האַלטען וויכטיגער, ווי די קלאָוקמאַכער.

ווען עס וואָלטען געווען קלאָוקמאַכער צווישען די אידען, וואָס זיינען ארויס פון מצריים, וואָלטען זיי געווים דאָס ארויסגעהן פון מצריים אָפּגעלעגט אויף אַ ביסעל שפּעטער אין סעזאָן, כדי פּסח זאָל אויסקומען אַ ביסעל שפּעטער און דער פריהלינגס סעזאָן פאַר קלאָוקס זאָל זיין אַ ביסעל לענגער.

נאָר ווען די אידען וואָלטען געוואוסט, אַז זיי וועלען דאַרפען ווערען קלאָוקמאַכער אין אַמעריקא וואָלטען זיי אפשר אין גאַנצען ניט געוואָלט ארויסגעהן פון מצריים, ווארום דער גלות פון מאַכען קלאָוקס איז אפשר אַן ערגערער, ווי דער גלות פון מצריים.

מען קען ניט לייקענען, אַז מאַכען ציגעל איז אויך ניט אַזאַ געשמאַקע מלאכה, אַבער ציגעל מאַכען אין מצריים איז ניט קיין סעזאָן טרייד און הענגט ניט אָפּ פון דער מאָדע משוגעת. די וועטערען אין מצריים זיינען אַזעלכע, אַז מען קען כמעט דאָס גאַנצע יאָהר נאָכאַנאַנד מאַכען ציגעל. גאַנץ אַנדערש איז עס אַבער מיט מאַכען קלאָוקס אין אַמעריקא. עס איז שטענדיג אַ געשיכטע מיט סעזאָנען און מיט מאָדעס.

דאָס ציגעל מאַכען אין מצריים אַבער האָט געהאַט אַ גרויסען חסרון — מען האָט געאַרבייט פון שטיק. דאָס זעהט מען פון דעם פּסוק, וואָס זאָגט „ואת סכום הלבנים אימרים לנו עשו" — און די באַשטימטע צאָהל ציגעל הייסט מען אונז מאַכען. אַבער מען זאָגט מיר, אַז אַ סך פון קלאָוקמאַכער זיינען אויך נאָר ניט אַזוי שטרענג מיט אָפּהיטען וואָך־ארבייט.

*

נאָר ווען עס איז די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער שווער אויפ'ן האַרצען וואָס די צייט איז אַזאַ שלעכטע, וואָס ארבייט איז אפילו אין מיטען סעזאָן געווען שוואך, זאָלען זיי זיך דערמאָנען, אַז די אידען אין מצריים איז געווען נאָך ערגער. און אויב עס איז זיי ניט געווען אַזוי שלעכט אין מצריים, ווייל זיי האָבען דאָרטען געהאַט וואָס צו עסען, איז זיי געווען שלעכט נאָכדעם, ווען זיי זיינען ארויס פון מצריים און האָבען ארומגעבלאָנדזשעט אין דעם מדבר.

דאָס איז די איינציגע טרייסט, וואָס איך קען געפינען פאַר די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער אין דער איצטיגער שלעכטער צייט. און אפשר נאָך אַ טרייסט. מען זאָגט מיר, אַז ביי די מענער קליידער שניידער איז נאָך ערגער. און עס זיינען פאַראַן טריידס, וואו עס איז נאָך ערגער ווי ביי די מענער־קליידער שניידער. עס איז אַן אַלגעמיינער אומגליק פון ארבייטסלאָזיגקייט.

*

אויף וואָל סטריט איז ווידער געוואָרען לעבעדיג. עס „בומט" דאָרטען נאָר ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטען. דער גרויסער קראַך, וואָס האָט מיט אַ האַלב יאָהר צוריק אַזוי שטאַרק אויפגעטרייסעלט די באַריהמטע גאָלד־נאַס פון אַמעריקא, איז, ווי עס שיינט, אין גאַנצען פאַרגעסען געוואָרען. מען ספּעקולירט ווידער אַ מאָל אויפ'ן גרויסען שטייגער, אַקציעס שטייגען און געהען אויף ווי אויף הייוועז — ביז עס וועט קומען אַ נייער גרויסער קראַך.

נאָר אויב אויף וואָל סטריט איז אַזאַ גרויסע פּראָספּעריטי, טאָ וואו איז די פּראָספּעריטי אין לאַנד? ווען עס שטייגען די אַקציעס פון די עלעקטרישע פאַבריקען, פון די אויטאָמאָביל פאַבריקען, פון די קופער מינעס, פון דעם שטאָל־טראַסט, פון דעם אויל־טראַסט א. אז. וו. דאַ מיינט עס דאָך, אַז זייערע געשעפטען געהען גוט, אַז זיי מאַכען גרויסע פּראָפיטען, טאָ ווי קומט עס אַז די אַרבייטער הונגערען? אַ ווילדער גאָלד־טאַנץ אויף וואָל סטריט און אַ ריזיגע „ברעד לאַין" אויף דער באַוערי. ווי פּאַרט זיך עס?

אַז מיליאָנען ארבייטער זיינען איצט ארבייטסלאָז אין אַמעריקא באַשטרייט מעהר קיינער ניט. מען דינגט זיך בלויז ווי גרויס די מיליאָנען זיינען. די קאָנסערוואַטיווסטע צאָהל איז 4 מיליאָן, אַבער מאַנכע באַהויפּטען אַז די צאָהל איז אַזוי הויך ווי 6 מיליאָן. אַבער 4 מיליאָן איז אויך אַ ריזיגע צאָהל. דער סטאַטיסטיקער פון דער אַמעריקען פעדריישאָן אָוו לייבאָר האָט אויסגערעכענט, אַז אין דעם חודש פעברואר אַליין האָבען די אַרבייטער אין אַמעריקא פאַרלאָרען ניט ווייניגער ווי 400 מיליאָן דאָלאַר דורך ארבייטסלאָזיגקייט און ער האָט געשטעלט די ציפער פון דער אַרבייטסלאָזער אַרמעע נאָך אַ ביסעל נידעריגער ווי 4 מיליאָן. זיין ציפער איז 3 מיליאָן מיט 700 טויזענד. עס הייסט, אַז גאַנץ קאָנסערוואַטיוו גערעכענט האָבען די אַרבייטער אין אַמעריקא דורך ארבייטסלאָזיגקייט אין די לעצטע דריי חדשים אַליין פאַרלאָרען איבער אַ ביליאָן דאָלאַר, און דאָס מיינט, אַז די אַרבייטער האָבען אויסגעגעבען מיט איבער אַ ביליאָן דאָלאַר ווייניגער. וואָרום ווען זיי פאַרדינען ניט האָבען זיי דאָך ניט וואָס אויסצוגעבען. טאָ ווי קומט עס, אַז עס איז אַזאַ גרויס פּראָספּעריטי אויף וואָל סטריט און די אַקציעס פון די פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס און טראַסטען שטייגען אַזוי?

איך ווייס ניט וואָס מיט וואָל סטריט וועט זיין. דאָס שפּיל אויף וואָל סטריט איז געוואָרען אַ שפּיל אין פּאָוקער, און אין אַמעריקא עקזיסטירט אַן אַלטער כּלל, אַז אַ „סאָקער" ווערט געבאָרען יעדע מינוט. און ווי לאַנג עס זיינען פאַראַן גענוג „סאָקערס" וועט דאָס שפּיל אויף וואָל סטריט ניט אָפּגעשטעלט ווערען. דער קראַך, וואָס עס גיט פון צייט צו צייט אויף וואָל סטריט, שרעקט בלויז אָפּ אויף אַ ווילע, ווארום נייע „סאָקערס" ווערען דאָך באַלד געבאָרען. פון וואָל סטריט קען מען דעריבער איצט ניט אורטיילען וועגען דעם ריכטיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד פון לאַנד. מען שפּילט דאָרטען מעהר מיט גוטע האָפנונגען אויף דער צוקונפט, ווי מיט ווירקליכקייטען פון היינט. און ווען די אַקציעס פון דער דזשענעראַל עלעקטריק, למשל, זיינען מיט אַמאָל אַזוי געשטיגען מיינט עס ניט, אַז די פּראָפיטען פון דער דזשענעראַל עלעקטריק זיינען איצט געשטיגען אין דער זעלביגער פּראָפּאָרציע. דאָס געוויס ניט. עס זיינען בלויז געשטיגען די האָפנונגען אויף גרויסע פּראָפיטען. און אַזוי איז עס אויך מיט די מייסטע אַנדערע.

אַבער אויב דער נייער גאָלד־טאַנץ אויף וואָל סטריט גיט ניט קיין ריכטיגען בילד פון דעם ווירקליכען צושטאַנד פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע, איז עס אַבער דאָך אַ פאַקט, אַז די פאַרשיידענע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון לאַנד ווייזען גרעסערע פּראָפיטען. און ווען דאָס קען טרעפען אין דער צייט ווען די צאָהל פון ארבייטסלאָזע איז אַזוי גרויס, דאַן איז עס זעהר ניט קיין גוטער צייכען פאַר די אַמעריקאַנער אַרבייטער. דאָס באַווייזט, אַז די פאַבריקאַנטען און אונטערנעמער קענען האָבען פּראָספּעריטי אין זייערע פאַבריקען און אונטערנעמונגען, ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער ארבייטסלאָזיגקייט. דאָס איז דערפאַר ווייל צוליב די ניי טעכנישע ענדערונגען און מעטאָדען פון דער ארבייט קענען זיי אויסקומען מיט ווייניגער אַרבייטער. עס הייסט איינפאַך, אַז לויט דער איצטיגער עפישענסי אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע און לויט דער לענג פון דעם ארבייטס־טאָג זיינען איצט פאַראַן עטליכע מיליאָן ארבייטער אין אַמעריקא צופיל. און אויב די עפישענסי וועט ווייטער וואַקסען, און זי מוז וואַקסען, ווייל נייע טעכנישע ערפינדונגען ווערען כסדר געמאַכט, און אויב דער אַר־ ווערען כסדר געמאַכט, און אויב דער אַר־ קירצט ווערען, וועט די אַרמעע פון אַרבייטסלאָזע ווערען נאָך גרעסער.

איך שטים דעריבער איין מיט פּרעזידענט גרין פון דער אַמעריקען פעדריישאָן אָוו לייבאָר, אַז אויב די פאַבריקאַנטען וועלען ניט ענדערען זייער טאַקטיק צו די אַרבייטער און אויב די רעגירונג וועט ניט נעמען אויף זיך צו באַזאָרגען די אַרבייטסלאָזע, דאַן דאַרף

(שלוס אויף זייט 10)

---

פּראָגראַם ווי אַזוי צו העלפען די אַרבייטסלאָזע. ער פאַרלאַנגט, ערשטענס, אַז עס זאָלען געגרינדעט ווערען פון דער פעדעראַלער רעגירונג אַרבייטס ביוראָס, וואָס זאָלען האָבען די אויפגאַבע צו זוכען אַרבייט פאַר די אַרבייטסלאָזע. צווייטענס, אַז אַרבייטער, וואָס האָבען פאַרלאָרען זייער באַשעפטיגונג צוליב טעכנישע ענדערונגען וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין טרייד, דאַרפען באַקומען הילף זיך אויסצולערנען אַן אַנדער טרייד, צו וועלכען זיי זאָלען זיך וואָס גיכער קענען צופּאַסען. פאַר דעם צוועק איז נויטיג צו גרינדען אַ ספּעציעלען אַרבייטס־ראַט. דריטענס דאַרף באַזונדערס געזאָרגט ווערען, אַז עלטערע אַרבייטער זאָלען ניט ארויסגעוואָרפען ווערען פון זייערע דזשאָבס. און צום סוף האָט פּרעזידענט גרין זיך אָבגעשטעלט אויף דער פראַגע וועגען איינפיהרען אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונג פון דער רעגירונג.

די אַרבייטער, האָט גרין געזאָגט, דאַרפען פאַרדינען געלד, אַבער ניט קריגען עס אָהן אַרבייט, אַבער אויב די אַרבייטס־געבער וועלען ניט ענדערען זייער טאַקטיק געגען די אַרבייטער און זייערע יוניאָנס, דאַן וועט די רעגירונג מוזען איינפיהרען אַן אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונגס־פאָנד, אויב זי וועט וועלען אויסמיידען אַ רעוואָלוציע אין לאַנד.

דאָס איז גאַנץ שטאַרק געזאָגט, ווייל געוועהנליך איז גרין פאָרזיכטיג אין רעדען און ער באַנוצט זיך ניט אָפט מיט דעם וואָרט רעוואָלוציע. די צייטונגען האָבען דעריבער דעם טייל פון גרין'ס רעדע געדרוקט מיט גרויסע אותיות.

און עס איז געווען גוט, וואָס פּרעזידענט גרין האָט אונטערגעשטעלט די פראַגע פון אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונג אין אַזאַ שאַרפער פאָרם. דאָס איז איינענטליך די וויכטיגסטע הילף, וואָס די רעגירונג קען געבען די אַרבייטסלאָזע און זי דאַרף עס געבען. פאַר ענגלאַנד און דייטשלאַנד איז עס געווים שווערער אויסצוהאַלטען אַן אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונגס פאָנד און דאָך עקזיסטירט דאָרטען אַזאַ פאָנד פון אַ לענגערער צייט. אין ענגלאַנד האָט די אַרבייטער רעגירונג דאָס יאָהר דעם אַרבייטסלאָזען פאָנד נאָך פאַרגרעסערט. און אַז דאָס קען טאָן ענגלאַנד און דייטשלאַנד, טאָ וואָרום זאָל עס ניט טאָן אַמעריקא, וואָס איז פיל רייכער פון זיי?

און ווייל אַרבייטסלאָזיגקייט איז מעהר ניט קיין צופאַל, נאָר אַ שטענדיגע זאַך, דאַרפען די מיטלען צו העלפען די אַרבייטסלאָזע זיין שטענדיגע און דאָס קען בלויז זיין, ווען די רעגירונג וועט נעמען אויף זיך די פליכט צו געבען הילף די אַרבייטסלאָזע.

געוויס איז אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונג ניט דאָס איינציגע מיטעל צו העלפען די אַרבייטסלאָזע. פּרעזידענט גרין האָט, ווי שוין געזאָגט, פאָרגעשלאָגען אַ גאַנץ ברייטע פּראָגראַם, אַבער מיר גלויבען אַז אַן אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונגס פאָנד פון דער רעגירונג איז באַזונדערס וויכטיג און עס דאַרף פאַר דער פאָדערונג געשאַפען ווערען אַן ענערגישע באַוועגונג איבער'ן גאַנצען לאַנד. און איצט איז די ריכטיגע צייט פאַר דעם.

---

## דער אַפּעטיט פון אינדזשאַנקשאַנס געגען אָרגאַניזירטע אַרבייט אַנטוויקעלט זיך

אין דעם ניו יאָרקער „טעלעגראַם" איז די וואָך געווען געדרוקט דער פאָלגענדער לייט־אַרטיקעל:

דאָס לאַנד וואָלט געוואָרען גוואַלדיג אויפגעבראַכט ווען אַ ריכטער זאָל פאַרבירען אימעצען פאַרבאָטען דורך אַן אינדזשאַנקשאַן אויסצודריקען אירגענד וועלכע קריטיק געגען אַ געזעלשאַפטס־אונטערנעמונג אין וועלכען עס איז פלאַץ.

אַבער אין דער ווירקליכקייט איז דער ערשטער שריט אין אַט דער ריכטונג שוין גענומען געוואָרען.

אַ ריכטער אין נאָרט העמפּטאַן קאָונטי, פּענסילווייניא, האָט דורך אַן אינדזשאַנקשאַן פאַרבאָטען צו דערצעהלען דער באַפעלקערונג — ניט בלויז די אַרבייטער פון דער פאַבריק, נאָר דער גאַנצער באַפעלקערונג — וועגען דער שלעכטסקייט פון אַ יעלאָו דאָג קאָנטראַקט.

די אַרבייטער פון דער קרעמער זאַקען פאַבריק אין נאַזארעטה, נאָרט העמפּטאַן קאָונטי, זיינען ארויס אין סטרייק געגען דעם יעלאָו דאָג קאָנטראַקט, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען פון דער פירמע. די יוניאָן האָט אין פאַרבינדונג מיט דעם סטרייק ארויסגעגעבען אַ פלוגבלאַט אין וועלכען דער יעלאָו דאָג קאָנטראַקט ווערט קריטיקירט. איז געקומען דאָס געריכט און האָט דורך אַן אינדזשאַנקשאַן פאַרבאָטען די יוניאָן דעם פלוג־בלאַט צו פאַרשפּרייטען ווייל דאָס מיינט, אַז די יוניאָן מישט זיך אין די געשעפטען פון דער פאַבריק.

עס וועט אַבער זיכער מיינען אַן אריינמישונג אין די געשעפטען פון דער עדיסאָן קאָמפּאַני אין זיד קאַליפאָרניע, למשל, ווען אַ צייטונג אָדער אַן עפענטליכער בעאַמטער, אָדער אַ פּריוואַטער בירגער וועט מאַכען אַן ערקלערונג וואָס איז געגען דעם, אַז די קאָמפּאַניע זאָל ערלויבט ווערען פון דער רעגירונג זיך צו באַנוצען מיט דער וואַסער־קראַפט פון דער באָלדער דאַמבע.

די עדיסאָן קאָמפּאַניע דענקט, אַז עס וואָלט ארויסקומען אַ גרויסע טובה פאַר איהרע געשעפטען, ווען זי וואָלט קענען קריגען אַן ערלויבניש זיך צו באַנוצען מיט דער דאָזיגער וואַסער־קראַפט. היינט אויב דער ריכטער פון נאָרט־העמפּטאָן קען באַשיצען די קרעמער קאָמפּאַניע פאַרבאָטענדיג דורך אַן אינדזשאַנקשאַן צו לאָזען וויסען די באַפעלקערונג פון נאָרט נאַזערעטה וועגען דעם יעלאָו דאָג קאָנטראַקט וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אויף דער פאַבריק פון דער קאָמפּאַניע, טאָ ווארום זאָל אַן אַנדער ריכטער ניט באַשיצען די עדיסאָן קאָמפּאַניע, אין זיד קאַליפאָרניע, פאַרבאָטענדיג דורך אַן אינדזשאַנקשאַן צו קריטיקירען דעם פאַרלאַנג פון דער קאָמפּאַניע זיך צו באַנוצען מיט דער וואַסער קראַפט פון דער באָלדער דאַמבע?

עס איז ניט דענקבאַר, אַז אַמעריקא זאָל דולדען די אונטערדריקונג פון פרייער רעדע. אַבער אין פּענסילווייניע איז פרייע רעדע דאָך אונטערדריקט געוואָרען. און אויב דאָס העכסטע געריכט פון לאַנד וועט אונטערשטיצען דעם אינדזשאַנקשאַן פון דעם ריכטער פון נאָרט־העמפּטאָן קאָונטי, דאַן וועט עס מיינען, אַז מיר זיינען אויף אַ וועג, וואָס מען קאָן ניט זאָגען וואוהין ער וועט פיהרען.

נאָר ווען ריכטער פּאַרקער וועט זיין אַ מיטגליד פון העכסטען געריכט, ווען די אַנטשיידונג וועגען דעם אינדזשאַנקשאַן פון נאָרטה העמפּטאַן וועט דאַרפען ארויסגעגעבען ווערען, וואָס וועט זיין זיין שטעלונג?

מיר גלויבען, אַז אין דעם לייט־אַרטיקעל פון דעם „טעלעגראַם" איז געזאָגט געוואָרען אַלץ, וואָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערען און מיר האָבען ניט וואָס צוצוגעבען. מיר קענען בלויז זאָגען, אַז דער אַפּעטיט פון די אינדזשאַנקשאַנס געגען אָרגאַניזירטער אַרבייט אַנטוויקעלט זיך. אַבער דאָס איז ניט קיין נייעס. דער אַפּעטיט אַנטוויקעלט זיך מיט'ן עסען.

**GERECHTIGKEIT**
A Jewish Labor Journal
Published every other Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union. Office of Publication: 76 Montgomery St., Jersey City, N. J.; General Office: 3 W. 16th St., New York, N. Y. Tel. Chelsea 2148.
BENJ. SCHLESINGER, Pres. D. DUBINSKY, Sec.-Treas.
DR. B. HOFFMAN, Editor
Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.
Jersey City, N. J., Friday, April 11, 1930
Application for transfer of second class privilege from New York, N. Y. to Jersey City, N. J., pending.
Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919.

## דער ניי־געשאפענער דזשאינט באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן.

די שאפונג פון א באזונדערען דזשאינט באארד פאר דער דרעס מאכער יוניאן פאר־ענדיגט א וויכטי־גען קאפיטעל געשיכטע פון דער אינטערנעשא־נעל.

די צונויפשטעלונג פון דער דרעס מאכער יוניאן מיט דער קלאוק מאכער יוניאן אין איין דזשאינט באארד איז פארגעקומען אונטער דעם דרוק פון אומגעוועהנליכע צושטענדען. אונ־טער נארמאלע באדינגונגען וואלט אזא צונויפ־שמעלצונג ניט געמאכט געווארען, ווייל דער כאראקטער פון די ביידע יוניאנס איז שטארק פארשידען און די ארבייטס-באדינגונגען אין די צוויי טרעידס זיינען פארשידען. די צוויי יו־ניאנס האבען דעריבער, איידער עס האט זיך אנגעפאנגען די קאמוניסטישע יוניאן ברעכעריי אין דער אינטערנעשאנעל, געהאט באזונדערע דזשאינט באארדס.

די צונויפשטעלונג פון דעם דזשאינט באארד פון דער דרעס מאכער יוניאן מיט דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן האט גע־מוזט דורכגעפיהרט ווערען אלס א מיטעל צו פארהיטען, אז די דרעס מאכער יוניאן זאל אינ־גאנצען ניט צושטערט ווערען פון די קאמונים־טישע יוניאן ברעכער. עס הייסט, אז עס האט זיך ניט געהאנדעלט וועגען בעסער פארוואל־טען דעם דרעס טרייד, נאר וועגען אבהיטען די יוניאן, אז זי זאל ניט רואינירט ווערען פון די קאמוניסטען.

די ערפאהרונג האט געוויזען, אז דער דרעס טרייד איז בעסער פארוואלטעט געווארען, ווען די דרעס מאכער יוניאן האט געהאט א באזונ־דערען דזשאינט באארד. די קלאוקמאכער יוניאן איז פיל גרעסער און האט אזוי פיל פראגען און אזוי פיל טראבעלס, אז זי מוז פארנעמען דעם וויכטיגסטען פלאץ אין דעם דזשאינט באארד. די דרעס מאכער האבען דעריבער אין דעם שותפות'דיגען דזשאינט באארד מיט די קלאוק־מאכער ניט ווילענדיג געמוזט ביז א געוויסען גראד פארנאכלעסיגט ווערען. און דאס האט זיך ארויסגעוויזען פיל שארפער נאכדעם ווי די קלאוק מאכער יוניאן איז נאך דעם גענעראל סטרייק פון דעם פאריגען זומער, ווידער א מאל געקומען צו איהר אמאליגער גרויס. דער דזשאינט באארד האט געמוזט זיין הויפטזעכ־ליך פארנומען מיט די קלאוק מאכער. א בא־זונדערער דזשאינט באארד פאר די דרעס מא־כער איז געווארען א נויטווענדיגקייט. און פאר דער קאמוניסטישער יוניאן ברעכעריי איז מעהר ניט געווען וואס מורא צו האבען. מיט דעם ער־פאלגרייכען גענעראל סטרייק פון די קלאוק מא־כער איז געמאכט געווארען א סוף צו דער קא־מוניסטישער יוניאן ברעכעריי אין דער אינטער־נעשאנעל. און די נויטווענדיגקייט פון א בא־זונדערען דזשאינט באארד פאר דער דרעס מא־כער יוניאן איז געווארען נאך דרינגענדער נאך דעם גענעראל סטרייק אין דער דרעס אינדוס־טריע.

די דרעס מאכער יוניאן איז דורכ'ן סטרייק ווידער א מאל געווארען א גרויסע יוניאן. די אויפגאבען פון דער יוניאן זיינען זיך גוואלדיג פונאנדערגעוואקסען. די יוניאן האט אונטער איהר קאנטראל א זעהר גרויסע צאל שעפער, זי האט א גרויסע מאשינערי אנצופיהרען איהר ארבייט און עס איז פאר איהר געווארען דרינ־גענד נויטיג צו האבען אן אייגענעם דזשאינט באארד.

אין דער ווירקליכקייט איז די דרעס מא־כער יוניאן נאך ניט אין גאנצען אויסגעבוים געווארען. זי האט נאך א זעהר גרויסען פעלד צו וואקסען. דורך דעם גענעראל סטרייק איז בלויז ארגאניזירט געווארען דער וויכטיגסטער טייל פון טרייד, אבער ניט דער גאנצער טרייד. עס איז נאך פאראן א גרויסע צאל פון שעפער וואס דארפען און מוזען ארגאניזירט ווערען. דער דרעס טרייד איז ריזיג אויסגעוואקסען און פאר דער דרעס מאכער יוניאן איז נאך פאראן א זעהר גרויסע מאס ארבייט דורכצופיהרען. און מאקע אויך פאר דעם צוועק, האפען מיר, וועט א באזונדערע דזשאינט באארד פון דער דרעס מאכער יוניאן קענען אויפטאן זעהר פיל. מעהר ענערגיע, מעהר אנשטרענגונג וועט קע־גען אנגעווענדעט ווערען צו ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע. און איז דאך דאס ארגאניזירען די איבערגעבליבענע ניט-ארגאניזירטע שעפער פון דעם דרעס טרייד היינט די וויכטיגסטע אר־בייט פון דער דרעס מאכער יוניאן. עס איז ניט בלויז א פראגע פון גרעסער און שטארקער מא־כען די יוניאן, נאר פון קריגען א ווייטערען קאנטראל איבער'ן טרייד.

מיר זיינען זיכער, אז דער דזשאינט באארד פון דער דרעס מאכער יוניאן, וואס איז איצט געשאפען געווארען וועט ערפילען די גרויסע און וויכטיגע אויפגאבען וואס זיינען אויף איהם ארויפגעלעגט געווארען. מיר זיינען זיכער, אז די דרעס מאכער יוניאן וועט אונטער איהר איי־גענעם דזשאינט באארד ווערען נאך גרעסער, נאך שטארקער און איינפלוסרייכער און וועט נאך ווירקזאמער פארטיידיגען די אינטערעסען פון די דרעס מאכער.

פאר דער אינטערנעשאנעל איז די שאפונג פון א באזונדערען דזשאינט באארד פאר דער דרעס מאכער יוניאן נאך א צייכער פון קומען צוריק צו איהר נארמאלען געזונטען צושטאנד. עס ווערען אפגעשאפט די נויט-מיטלען, וואס זיינען איינגעפיהרט געווארען אין דער צייט פון געפאהר. די אינטערנעשאנעל וואקסט, ווערט שטארקער און איינפלוסרייכער און געהט מיט זיכערע טריט אויף דעם וועג פון איהר ווייטערדיגען פראגרעס.

## קלאוקמאכער, וואס באשווינדלען זייער אייגענע יוניאן.

די אויפגאבען פון א יוניאן זיינען צו פארטיידיגען די אינ־טערעסען פון די ארבייטער געגען זייערע באלעבאטים און אויפ־צופאסען, אז די באלעבאטים זאלען אבהיטען די יוניאן באדינגונגען וואס די ארבייטער הא־בען ביי זיי אויסגעקעמפט. עס איז אבער זעהר שלעכט פאר א יוניאן, ווען זי דארף ניט בלויז אויפפאסען אויף די באלעבאטים, אז זיי זאלען אבהיטען די יוניאן באדינגונגען אין זייערע שעפער, נאר אז זי דארף אויך שטענדיג האבען אן אויג אויף די ארבייטער, אז זיי זאלען אב־היטען די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער, וואו זיי ארבייטען.

עס גלויבט זיך א מאל ניט, אז די מיטגלי־דער פון דער יוניאן זאלען נויטיג האבען אזא אויפפאסונג. האבען זיי דאך אליין געקעמפט פאר די יוניאן באדינגונגען. זיינען עס דאך זיי געווען, וואס האבען געקעמפט צו פארביי־טען שטיק-ארבייט אויף וואך-ארבייט, האבען דאך זיי געפאדערט, אז מען זאל איינפיהרען א פינף-טעגיגע ארבייטס-וואך און אז אווערטאים זאל באשרענקט ווערען. און ווען זיי האבען עס געפאדערט און געקעמפט דערפאר, איז עס דאך קאמיש, אז זיי זאלען דארפען האבען מענ־שען וואס זאלען אויפפאסען אויף זיי, אז זאלען אבהיטען די געווינסען, וואס זיי האבען אויס־געקעמפט. לײדער איז דאס אבער אזוי. מען דארף א סך מיטגלידער פון דער יוניאן היטען, אז זיי זאלען ניט ארבייטען פון שטיק. מען דארף זיי אויך היטען, אז זיי זאלען ניט אר־בייטען שבת און אז זיי זאלען ניט ארייננכאפען מעהר אווערטאים, ווי די יוניאן ערלויבט. און נאך ערגער איז, וואס ניט אלע מאל קען מען זיי איינהיטען, ווייל אן אייגענעם שטוב גנב איז שווער צו היטען.

מען קלאגט זיך אין דער קלאוק מאכער יוניאן, אז אין ברוקלין זיינען פאראן קלאוק שע־פער, וואו מען ארבייט פון שטיק און אז די ארבייטער ריידען זיך צונויף מיט די באלעבא־טים צו באשווינדלען די יוניאן. ווייסען מיר, אז ברוקלין האט אויף דעם אן אלטע חזקה. די קלאוק מאכער אין ברוקלין גלויבען, אז זיי געפינען זיך אין אן אנדער מדינה און דאס וואס זיי טוען אין ברוקלין האט קיין שייכות ניט צו די קלאוק מאכער אין די אנדערע טיילען פון ניו יארק. מיר דארפען אבער זאגען, אז ניט בלויז אין ברוקלין קען מען געפינען קלאוק מאכער, וואס באשווינדלען די יוניאן, נאר זיי זיינען אויך פאראן אין די אנדערע טיילען פון ניו יארק. און זיי זיינען אזוי נידעריג געזונקען, אז זיי שעמען זיך אפילו ניט, אז די יוניאן דארף ארויסשיקען פאטרולען זיי צו היטען, אז זיי זאלען שבת ניט געהן אין שאפ ארבייטען.

און מיר גלויבען, אז עס וועט ווייניג העל־פען, וואס מיר וועלען דא אזעלכע באשעפענישען פראבירען אויסמוסערען. זיי האבען דאך אפילו ניט דעם איינפאכען פארשטאנד, אז ווען זיי באשווינדלען די יוניאן, באשווינדלען זיי זיך אליין. זיי רואינירען דעם טרייד פון וועלכען זיי דארפען מאכען א לעבען. קיין מוסערען וועט דעריבער דא ניט העלפען. אזעלכע באשע־פענישען דארף מען בעסער שטענדיג האבען אויפ'ן אויג און זיי היטען. אבער פאר דעם צוועק מוז מען האבען די הילף פון די עהרליכע און פארשטענדיגע יוניאן לייט. פאר די בע־אמטע פון דער יוניאן איז איינפאך א פיזישע אונמעגליכקייט צו היטען די אלע שווינדלער און באטריגער, וואס זוכען צו באשווינדלען און צו באטריגען די יוניאן. זיי מוזען קריגען הילף פון די עהרליכע ארבייטער אין די שעפער. די אר־בייטער גופא קענען לייכטער אויסגעפינען וואו עס ווערט געשווינדעלט און וואו מען ארבייט ניט לויט די יוניאן-באדינגונגען. די בעאמטע פון דער יוניאן קענען ניט פאטרולירען אלע שע־פער, אז די חברה וואס וויל באשווינדלען די יוניאן זאל זיך ניט ארייננכאפען אין זיי אר־בייטען שבת. די עהרליכע ארבייטער, די אי־בערגעגעבענע יוניאן לייט דארפען אלע מאל קומען צו הילף די בעאמטע פון דער יוניאן, ווען זיי רופען זיי.

עס מוז געגען די ארבייטער, וואס באשווינד־לען די יוניאן אנגעפיהרט ווערען אן ענערגישער קאמף, ווייל זיי גראבען אונטער אין געהיים דעם יוניאן שאפ, וואס די יוניאן האט אויסגע־קעמפט. און אט אין דעם קאמף געגען די שווינדלער מוז זיך גאנץ אקטיוו באטייליגען יע־דער קלאוק מאכער וועמען די יוניאן איז טייער און וועלכע וויל אויפהאלטען יוניאן באדינ־גונגען אין דעם קלאוק מאכער טרייד.

## דאס נייע געזעץ וועגען אלטערס-פענסיע אין ניו יארק סטייט.

אפיציעל וועט עס הייסען, אז אין דעם סטייט ניו יארק איז איינגעפיהרט גע־ווארען א געזעץ וועגען אלטערס-פענסיע, אבער אין דער ווירקליכקייט איז דאס געזעץ פאר וועלכען די לעגיסלאטור אין אלבאני האט גע־שטימט גאנץ ווייט צו זיין אזוינס, וואס פיהרט ווירקליך איין אלטערס-פענסיע.

דאס געזעץ וועגען אלטערס-פענסיע, וואס איז איינשטימיג אנגענומען געווארען סיי פון דער אסעמבלי, סיי פון סענאט אין אלבאני בארעכטיגט יעדע נויט-באדערפטיגע פערזאן, וואס איז אלט 70 יאהר און איז א בירגער פון אמעריקא און וואוינט צעהן יאהר אין ניו יארק סטייט צו אן אלטערס-פענסיע; וואס דארף בא־שטימט ווערען פון די לאקאלע בעאמטע.

פריהער ווי אלץ איז דער אלטערס-גרענעץ פון 70 יאהר צו הויך, און דערמיט אליין פאר־לירט דאס געזעץ זיין באדייטונג פאר די אר־בייטער. ווייניג ארבייטער דערלעבען ביז צו 70 יאהר. און די וואס דערלעבען עס שוין יא האבען שוין זייער ארבייט געמוזט אויפגעבען מיט עטליכע יאהר פריהער. די ארבייטער אר־גאניזאציעס האבען דעריבער געפאדערט, אז דער עלטערס גרענעץ זאל זיין ניט העכער ווי 65 יאהר.

צווייטענס איז די פענסיע א גאנץ קליינע. די קאמיסיע, וואס האט אויסגעארבייט דאס גע־זעץ, האט געמאכט א חשבון, אז דער פאנד פון דער אלטערס-פענסיע דארף באטרעפען אן ערך 240 טויזענד דאלאר א יאהר. זי האט אויך גערעכענט, אז ארום 50 טויזענד פערזא־נען א יאהר וועלען דארפען קריגען פענסיע. דאס מאכט אויס אין א דורכשניט קנאפע 5 דא־לאר א וואך.

מען קען אפשר זאגען, אז עס איז דאך בע־סער ווי גארניט. דאס איז ריכטיג, אבער מען דארף ניט פיל צו זיין מעהר ווי גארנישט.

עס איז אנגעפיהרט געווארען זעהר אן ענערגישע באוועגונג פאר דער איינפיהרונג פון אלטערס-פענסיע און די באוועגונג האט געוואו־נען פאר זיך די עפענטליכע מיינונג, אבער ניט פאר אזא געזעץ ווי עס איז איצט אנגענומען געווארען אין אלבאני איז די באוועגונג געפיהרט געווארען. און אויסבעסערען א קאליע געמאכ־טען געזעץ איז אפט שווערער ווי צו שאפען א נייעם געזעץ. די ארגאניזאציעס, וועלכע הא־בען ביז איצט אנגעפיהרט די באוועגונג פאר אלטער-פענסיע אין ניו יארק סטייט, וועלען דע־ריבער ווייטער מוזען אנפיהרען די באוועגונג, כדי דאס איצטיגע אנגענומענע געזעץ אויסצו־בעסערען.

## פרעזידענט גרין וועגען ארבייטסלאזיגקייט.

פרעזידענט גרין פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר, האט אויף דעם פאראהער פון סענאטאר וואגנער'ס געזעץ־פראיעקט וועגען ארבייטסלאזיגקייט, זעהר ברייט און קלאר אוועקגעשטעלט די פראגע.

גרין האט פריהער פאר אלץ אנגעוויזען, אז די ארבייטסלאזיגקייט דארף ניט באטראכט ווערען פאר א צופאל, נאר פאר א שטענדיגער פראבלעם אין דעם אמעריקאנער אינדוסטריע־לען לעבען. אפילו אין די לעצטע פאר יאהר, וועלכע זיינען באצייכענט געווארען פאר די בעסטע פראספעריטי יאהרען אין אמעריקא, איז אויך געווען א גרויסע ארמיי פון אר־בייטסלאזע, האט גרין געזאגט. עס איז ריכ־טיג, אז די ארבייטסלאזיגקייט איצט איז גע־ווארען אזוי גרויס, אזוי זי האט אנגענומען א דראהענדען כאראקטער, אבער אפילו אין די לעצטע פאר פראספעריטי יאהרען זיינען 9 פרא־צענט פון די מיטגלידער פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר ארומגעגאנגען אהן ארבייט. איצט האט זייער צאהל דערגרייכט 22 פראצענט.

ווען די ארבייטסלאזיגקייט וואלט איצט גע־ווען בלויז א צופאל, דאן וואלט מען געקענט אב־קומען מיט זוכען צייטווייליגע מיטעל, ווי צו העלפען די ארבייטסלאזע. אבער ווען מען האט אין זינען אז ארבייטסלאזיגקייט איז געווארען א שטענדיגע זאך, דאן דארף מען אננעמען ניט בלויז צייטווייליגע מיטלען נאר אויך שטענדיגע.

פרעזידענט גרין האט פאר דער קאמיטע אנטוויקעלט א גאנץ ברייטע קאנסטרוקטיווע

# אינטערנאציאנאלע ארבייטער נייעס

פון פ. דעמביצער.

דעם 7טען מערץ איז אין פאריז פארגעקומען א געמיינזאמע זיצונג פון סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל און פון דעם אמסטערדאמער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל. די זיצונג איז געווען געווידמעט אינגאנצען דעם ענין פון דער איצטיגער ענטוואפנונגס קאנפערענץ אין לאנדאן, וואס קומט איצט פאר אויף דער איניציאטיווע פונ'ם סאציאליסטישען פרעמיער־מיניסטער אין ענגלאנד.

דער רעזולטאט פון די געמיינשאפטליכע פארהאנדלונגען פון ביידע ארבייטער אינטערנאציאנאלען איז א מאניפעסט, וואס זיי האבען ארויסגעלאזט צו אלע ארבייטער פון דער וועלט, אין וועלכען זיי פאדערען אויף צו שטיצען דעם ציל און צוועק פון די באמיהונגען פון דער בריטישער ארבייטער רעגירונג אום צו פארמיידען צוקונפטיגע מלחמות און צו באפרייען די פעלקער פון דער לאסט, וואס עס קאסט א שטענדיגער מלחמה באוואפנונג. דער מאניפעסט שטעלט פעסט, אז די מעכטע, וואס האבען וועהרענד דעם ווערסאלער פרידענס פארטראג ענטוואפענט די באזיגטע שטאטען, און וועלכע האבען דאן ערקלערט, אז זיי אליין וועלען מיט דער צייט זיך אויך ענטוואפענען, האבען ניט געהאלטען קייןווארט. ערשט דער זיג פון דער בריטישער ארבייטערשאפט, — זאגט זיך אין מאניפעסט, — האט געגעבען א מעגליכקייט, אז מעקדאנאלד'ס רעגירונג זאל נעמען די איניציאטיווע צו אן אינטערנאציאנאלער ענטוואפנונג. דער מאניפעסט ווייזט אן אויף די שוועריגקייט פון די פארהאנדלונגען און באשולדיגט דעם איטאליענישען פאשיזם און פראנצויזישען נאציאנאליזם, אז זיי שטערען דורכצופיהרען די נאבעלע ארבייט פון דער בריטישער ארבייטער־רעגירונג. דער מאניפעסט, וועלכער איז אונטערגעשריבען פון עמיל וואנדערוועלדע, דעם פרעזידענט פון סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל, און פון וואלטער מ. ציטרין, דער פרעזידענט פון אמסטערדאמער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל, ענדיגט זיך מיט פאלגענדען אפיעל:

„ארבייטער פון אלע לענדער! די פראגען, וואס ווערען פארהאנדעלט ביי דער לאנדאנער ענטוואפנונגס קאנפערענץ, אינטערעסירען ניט בלויז די ארבייטער פון די פינף לענדער, וואס זיינען ביי דער קאנפערענץ פארטראטען; פון אט די בעראטונגען און באשליסען איז עס אפהענגיג צי די פארשפרעכונגען פון דע פעלקער־בונד אפמאך וועלען ערפילט ווערען.

„פון די באשלוסען פון דער קאנפערענץ איז עס אפהענגיג, צי די ענטשיידונג איבער פראגען, וואס זאלען לייזען דאס פארהעלטניש פון פעלקער זאל געלייזט ווערען דורך פרידען, צי דורך מלחמה, דורך ענטוואפנונג, צי דורך באוואפנונג, וואס ברענגט די וועלט צום אומגליק און צו קאטאסטראפע.

„דער פעלקער־בונד אפמאך, דער קעלאג־אפמאך און אלע אנדערע אפמאכונגען אין די לעצטע יאהרען זיינען געשעהען מחמת דעם אבסאלוטען פרידענס־ווילען פון די פאלקס־מאסען.

„אונטערשטיצט די בריטישע ארבייטער־רעגירונג אין איהר עהרליכען קאמף פאר פרידען און פאר דער פאראכטונג פון מלחמות! בראנדמארקט פאר דער עפענטליכקייט אלע יענע, וועלכע ווארפען אין צייכען פון אימפעריאליזם אויף אייערע פלייצעס אלע מיליטאריסטישע לאסטען. ניט בלויז אין ענגלאנד, אין פראנקרייך און אין די אנדערע לענדער, וואס זיינען פארטראטען אויף דער לאנדאנער קאנפערענץ, איז עס דער חוב פון ארבייטער־קלאס ענערגיש צו פארטיידיגען דאס פראגראם פון ביידע אינטערנאציאנאלען, נאר איבעראל, וואו עס זיינען פאראן ארבייטער, וואס זיינען ענטשלאסען צו קעמפען געגען קריג, מוזען זיי קעמפען געגען די יעניגע, וואס ווילען העלפען מלחמות פארברייטערען און פארגרעסערען".

***

אויפ'ן לעצטען מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון אמסטערדאמער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל, איז פארהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען דער דויער פון דער ארבייטס־צייט אין פארשידענע לענדער. ווי באקאנט איז ביז איצט די אפיציעלע פאדערונג פון די טרייד יוניאנס אין אייראפא געווען דער 8 שעה'דיגער ארבייטס־טאג. דער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל האט איצט באשלאסען, אז די אפיציעלע פאדערונג פון די יוניאנס זאלען זיין 44 שטונדען מיט 5 און א האלבען טאג ארבייטס־דויער א וואך. די יוניאנס וועלען הי־יאהר, ביים 40־יאהריגען יובילייאום פון אינטערנאציאנאלען מאי יום־טוב, וועלכער האט דער ערשטער ארויסגעלאזט דעם לאזונג פון אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג — דעם ערשטען מאל פייערען דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטס יום־טוב אונטער דער לאזונג פון א 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך.

***

די צענטראלע פון די טרייד־יוניאנס אין דייטשלאנד האט דורכגעפירט אן אנקעטע וועגען די ארבייטס־צייט אין די אונטערנעמונגען. די אנקעטע האבען דורכגעפירט 746 ארטיגע קאמיטעטען. אויסגעפארשט האט מען 63 טויזענט 500 אונטערנעמונגען, וואו עס ארבייטען 2 מיליאן 700 טויזענט ארבייטער. די סטאטיסטיק איז פון פאלגענדע אינדוסטרי־צווייגען: בוי, דרוקער, האלץ, מעטאל, טעקסטיל, לעדער און כעמיש. די אנקעטע איז דורכגעפירט געווארען אין דער וואך פון 10טען ביז'ן 15טען פעברואר.

פעסטגעשטעלט האט מען אט וואס:

5 מיט א האלבען פראצענט ארבייטען כסדר פון 48 ביז 51 שעה א וואך. 2 מיט א האלבען פראצענט ארבייטען אין פארשידענע צייטען. מעהר ווי 48 שעה א וואך. פון 51 ביז 64 שעה א וואך ארבייטען כסדר 5 מיט א האלבען פראצענט. קרוב 2 פראצענט ארבייטען כסדר איבער 54 שעה א וואך.

איבער 17 פראצענט ארבייטען בכלל מעהר ווי 48 שעה א וואך.

אממערסטען ארבייט מען איבער אכט שעה א טאג אין רהיין־געביט. מעהר ווי א העלפט פון די מעטאל־ארבייטער אין רהיינלאנד, וועסטפאלען, ארבייטען לענגער ווי 8 שעה. אין זעלבען רהיינלאנד איז פאראן א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט.

די טרייד־יוניאנס ווייזען אן, אז צו באקעמפען די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט קען אויך העלפען די פארקלענערונג פון דער ארבייטס־צייט. מען דארף די ארבייטס־צייט דערפיהרען אומעטום ניט נאר צו 8 א שעה, נאר זי נאך מעהר פארקלענערען.

***

מיט א קורצער צייט צוריק איז אין וויען פארגעקומען די יעהרליכע פארזאמלונג פון די פארשטעהער'נס פון די פרויען, וועלכע זיינען ארגאניזירט אין דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

דער באריכט דערצעהלט, אז די סאצ. פרויען־באוועגונג אין עסטרייך אנטוויקעלט זיך אהן אויפהער. איצט זיינען אין דער סאציאל־דעמאקראטישער ארגאניזאציע פון וויען ארגאניזירט איבער 150 טויזענט פרויען. פון 100 פארטיי־מיטגלידער זיינען אין יאהר 1926 געווען 31 פרויען, און אין יאהר 1929 — שוין 36 פרויען. עס איז אויך גרויס די צאל פון אקטיווע טוערינס.

איבער צוויי טויזענט עקסטרא פרויען־פארזאמלונגען זיינען פארגעקומען אין משך פונ'ם פארגאנגענעם יאהר. 2817 פרויען און 697 מענער פארנעמען זיך מיט פארשפרייטען די פרויען־צייטונג „די אומצופרידענע".

***

די צונאב - וואהלען, וואס זיינען איצט פארגעקומען צום פארלאמענט פון ארגענטינע, באווייזען, אז די רעגירונגס־פארטיי פארלירט איהר פאפולאריטעט אין לאנד.

וועהלען האט מען געדארפט א העלפט דעפוטאטען פון גאנצען פארלאמענט. אין דער הויפט שטאדט בוענאס־איירעס האט די רעגירונגס־פארטיי באקומען 26,113 שטימען, די סאציאליסטישע פארטיי — 29,379 שטימען, און די צווייטע סאציאליסטישע פארטיי (אומאפהענגיגע) 26,427 שטימען. ביידע סאציאליסטישע פארטייען האבען אזוי ארום אין דער הויפט שטאדט באקומען מעהר ווי טאפעלט, אין פארגלייך מיט דער רעגירונגס־פארטיי.

אויך אין דער פראווינץ האט די רעגירונגס־פארטיי פארלארען שטימען.

***

אין אלע ארבייטער־קרייזען פון דייטשלאנד האט מען מיט גרויס אינטערעס געווארט אויפ'ן אויסגאנג פון די וואהלען אין בערלינער פארקער־געזעלשאפט (טראמוויען, אויטאבוסען און אונטערערדישע באהנען). בעת די פאריאריגע וואהלען האבען דארט די קאמוניסטען באקומען אן אבסאלוטע מערהייט.

די הויפט־צדדים פון וואהל־קאמף — די סאציאל־דעמאקראטען און קאמוניסטען — האבען זיך שטארק געגרייט צו די וואהלען. זייער אויסגאנג האט באשטעטיגט די טענדענץ, וואס די הייאהריגע וואהלען פון די פאבריק־דעלעגאטען האבען שוין ארויסגעוויזען: די סאציאל־דעמאקראטען געווינען, די קאמוניסטען פארלירען.

אין די וואהלען פון דער בערלינער פארקער־געזעלשאפט האבען זיך באטייליגט 22,512 ארבייטער און אנגעשטעלטע.

די סאציאל־דעמאקראטען האבען באקומען 10,641 שטימען (פאר א יאהרען — 5,939), די קאמוניסטען — 6,317 (פאר א יאהרען — 10,747), די רעשט שטימען זיינען צעטיילט געווארען צווישען פארשידענע געלע פאראיינען.

דער ארבייטער־ראט וועט באשטעהן פון 15 סאציאל־דעמאקראטען (פריער 9), 9 קאמוניסטען (פריער 17) און 6 געלע.

דער אנגעשטעלטער־ראט וועט באשטיין פון 10 סאציאל־דעמאקראטען און 3 געלע.

דער באטריבס־ראט וועט באשטיין פון 16 סאציאל־דעמאקראטען, 7 קאמוניסטען און 6 געלע.

***

ביי די שטאדט־ראט וואהלען, וואס זיינען אין מאנאט מערץ פארגעקומען אין א רייהע רומענישע שטעט, האבען די סאציאל־דעמאקראטען געהאט א שעהנעם זיג אין דער שטאט טשערנאוויץ. עס זיינען דארט ערוויילט געווארען 11 סאציאליסטען, צווישען די געוועהלטע סאציאליסטען זיינען 4 בונדיסטען.

***

דעם 29טען מערץ האבען די פוילישע סאציאל־דעמאקראטען געפייערט דעם 70 יאהריגען יובילעאום פון דר. הערמאן דיאמאנט, איינער פון די גרינדער פון דער פוילישער סאציאל־דעמאקראטיע אין גאליציען און שלעזיען. אין אלטען עסטרייך האט ער פארטראטען דעם אידישען וואהל־קרייז פון לעמבערג אין וויענער פארלאמענט. זייט פוילענס זעלבסטשטענדיגקייט איז דיימאנט א דעפוטאט צום פוילישען סיים און ווערט דארט פאררעכענט אלס איינער פון די בעסטע אייראפעאישע פארלאמענטאריער. מיט זיין גרויסען עקאנאמישען וויסען און שארפען פאליטישען שכל האט ער זיך און זיין פארטיי פארשאפט גרויס דרך ארץ אין דער פאליטישער וועלט. טראץ דעם וואס דיימאנט איז א איד, האט עס איהם ניט געשטערט צו ווערען דער פרעזידענט פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי אין דער אנטיסעמיטישער פוילישער רעפובליק. אין צווייטען אינטערנאציאנאל האט דיאמאנט, צוזאמען מיט ראזא לוקסעמבורג, פארטראטען דעם פוילישען סאציאליזם. היינט צו טאג איז הערמאן דיאמאנט נאך אלץ א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל.

הערמאן דיימאנט איז איינער פון די ווייניגע נאך איבערגעבליבענע אידיש־סאציאליסטישע אסימילאטארען און אלס אזעלכער האט ער מיט אלע כחות געקעמפט קעגען א זעלבסטשטענדיגע אידישע ארבייטער באוועגונג און געגען דעם פאקט, אז אידען זיינען א נאציאן מיט אלע נאציאנען צוגלייך. דיימאנט איז פונקט ווי דער אידישער פירער פון פוילישען סאציאליזם און קרוין פוילען פעליקס פערעל, געווען א גרויסער אידעאליסט און איז מיט לייב און לעבען געווען צוגעבונדען צו דער פוילישער קולטור. אבוואהל די אידישע ארבייטער אין גאליציען איז ניט איינמאל אויסגעקומען דיימאנט'ען שארף צו באקעמפען, האבען זיי אבער אלעמאל אנערקענט זיין גרויסען אידעאליזם און זיינע גרויסע אויפטואונגען פאר'ן סאציאליזם אין פוילען.

ערב זיין 70־טען געבורטסטאג האט דיימאנט דערלעבט דעם גייסטיגען און פאליטישען באנקראט פון דער אידישער אסימילאציע אין פוילען און אלס פרעזידענט פון זיין פארטיי האט ער מסכים געווען דערצו אנצוערקענען דעם פאקט פון א זעלבסטשטענדיגער אידישער ארבייטער באוועגונג מיט א נאציאנאלען אידישען פראגראם, געגען וואס ער האט מיט אזא אייזערנער קאנסעקווענץ זיין גאנצען לעבען געקעמפט.

***

לויט די אינפארמאציעס, וואס דער אמסטערדאמער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל האט באקומען פון דעם טרייד־יוניאן צענטער אין דער טשעכאסלאוואקיע, איז דארט אין לעצטען יאהר די טרייד־יוניאן באוועגונג פון אלע אריענטאציעס, אחוץ די קאמוניסטישע, אונצעהליג געוואקסען. די מיטגלידער צאהל איז געוואקסען פון 1,696,897 אין אנפאנג יאר ביז 1,733,979 צום סוף יאר.

אין דער טשעכא־סלאוואקיי עקזיסטירען, א חוץ די פרייע געווערקשאפטען, אויך קאמוניסטישע יוניאנס, און ס'זיינען אויך פאראן סינדיקאליסטישע, אדער ווי זי רופען זיך, נייטראליסטישע יוניאנס. וועהרענד אלע יוניאנס האבען געוואונען מיטגלידער, האבען די קאמוניסטישע יוניאנס פארלארען אין משך פון יאהר קנאפע 58 טויזענט מיטגלידער פון דער צאהל 196,509 מעמבערס.

***

אין משך פון יאהר 1929 זיינען אין האלאנד פארגעקומען 217 סטרייקס און לאק־אוטס, אין וועלכע עס זיינען געווען פארוויקעלט 1,200 שעפער, מיט 13,626 ארבייטער. 612 טויזענט ארבייטס־טעג זיינען פארלארען געגאנגען אין אט די סטרייקס און לאק־אוטס.

## די איינד

(נאך קרילאוו)

פון נחום י.

א יונגע אינד
וואס האט פארלארען ערשט איר קינד,
געפונען האט צוויי יונגע וועלפעלאך אין וואלד
און האט זיי מיט איר מילך געגומען שפייזען באלד.
אן אלטער מאן, וואס האט דארט אויך אין וואלד געוואוינט,
איז פון דער אינד'ס באנעמונגען געווען דערשטוינט:
— „אומגליקליכע, דו ביזט אראפ פון זינען!"
האט ער זיך צו דער אינד געווענדט,
„פאר וועמען האסט דו דאס דיין מילך פארשווענדט?
דו רעכענסט דאנקבארקייט ביי וועלף געפינען!
דו קאנסט דאך זייער רשעות ניט פארשטיין;
זיי וועלען אפשר נאך אמאל אליין
דיין בלוט פארגיסען"...
— „קאן זיין", — געענטפערט האט די אינד,
„איך וויל ניט אבער פון דעם וויסען:
א מוטער בין איך בלויז אצינד,
און ס'וואלט מיר שווער געווען צו לעבען,
ווען איך זאל פון מיין שפע זיי ניט געבען".

# די ערד־קאָלעקטיוויזאַציע אין רוסלאַנד

(אַ בריעף פון אייראָפּע) פון וויליאַם צקערמאַן.

איינע פון די וויכטיגסטע און גרעסטע וועלט־פּאַסירונגען פון נאָך דער מלחמה אָן איז גאָר אָהן צווייפעל די ערד־קאָלעקטיוויזאַציע, וועלכע די סאָוועט־רעגירונג זוכט יעצט איינצופירען אין רוסלאַנד. אין דער געשיכטע וועט דיזע געשעהעניש זיכער פאַרנעמען דעם זעלבען אָרט ווי די רוסישע רעוואָלוציע מיט צוועלף יאָהר צוריק.

ווי אַזוי ריהרט די דאָזיגע גרויסע איבערקערעניש אין ערד־אַרבייט אָן די אידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד? וועט עס העלפען אָדער וועט עס רואינירען דעם אידישען פאַרזוך זיך צו באַזעצען אויף דער ערד, אויף וועלכען עס זיינען געלייגט געוואָרען אַזוי פיעל האָפענונגען?

וועגען דעם זיינען פאַראַן צוויי שאַרף ענטגעגענזעצליכע מיינונגען. איין מיינונג, פון מעהרסטענס אידען אויסער רוסלאַנד און פון די, וועלכע זיינען ניט איבעריג באַקאַנט מיט דער רוסישער לאַגע, איז, אַז די יעצטיגע קאָלעקטיוויזאַציע וועט איינגאַנצען פאַרניכטען דעם אידישען פאַרזוך זיך צו באַזעצען אויף דער ערד. אַ צווייטע מיינונג, פון אידען אין רוסלאַנד גופא (ניט דווקא קאָמוניסטען) און פון פילע, וועלכע פאָלגען נאָך די געשעהענישען דאָרט, איז, אַז גראַדע פאַרקערט, די קאָלעקטיוויזאַציע וועט ערשט יעצט אויפבויען די אידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד און וועט זי צוועקשטעלען אויף אַזאַ גרויסען מאַסשטאַב, צו וועלכען זי האָט ביז איצט נאָך ניט געקענט דערגרייכט ווערען.

ביידע מיינונגען זיינען באַגרינדעט אויף גאַנץ לאָגישע און זאָגאַר שטאַרקע סברות וועגען דעם כאַראַקטער און לעבען פון דעם רוסישען אידען. אויסער דיזע טעאָרעטישע באַגרינדונגען פון ביידע צדדים זיינען אָבער פאַראַן אויך אייניגע וויכטיגע פאַקטען פון דער גאָר לעטצער רוסישער ווירקליכקייט, וועלכע באַשטימען אפשר מעהר פון אַלע לאָגישע אַרגומענטען און טעאָריעס, ווי אַזוי די יעצטיגע רוסישע קאָלעקטיוויזאַציע רופט זיך אָפּ אויף דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

די מיינונג פון די געגנער פון דעם נייעם באָלשעוויסטישען עקספּערימענט איז ניט שווער צו באַגרינדען. זיי טענה'ן, אַז ערד־קאָלעקטיוויזאַציע איז אין אַלגעמיין אַ משוגעת. עס מוז דורכפאַלען בכלל און ביי אידען ספּעציעל. קאָלעקטיוויזאַציע אַלס יערע בשותפות'דיגע בעל־הבתישקייט הרג'עט אוועק יעדער סאָרט איניציאַטיווע ביי מענשען. פאַר אַ קהל'שע אנגעלעגענהייט אַרבייט מען ניט מיט דער זעלבער איבערגעבענהייט און פלייס ווי פאַר זיך. יעדער וויל, אַז דער אַנדערער זאָל טאָן מעהר און דער רעזולטאַט איז, אַז עס ווערט נאָר ניט אָדער זעהר וועניג געטאָן.

דאָס איז אמת וועגען כלל אונטערנעהמונגען אין אַלגעמיין. ביי ערד־אַרבייט איז דאָס נאָך מעהר אמת. ערד־אַרבייט איז אין נאַטור אַן אינדיווידואַליסטישע אונטערנעהמונג. עס איז ניט קיין טעכנישע פאַבריק אַרבייט, ביי וועלכער מען אַרבייט געוויסע שטונדען און אַרבייטער זיינען אָפּט געצוואונגען צו אַרבייטען צו זיי ווילען עס צו ניט. פאַרמעריי איז בעל־הבית'ישקייט. יעדער פויער אָדער קאָלאָניסט איז קודם כל אַ בעל־הבית און אויב מע נעמט ביי איהם צו דעם אינטערעס אין דער דאָזיגער בעל־הבית'ישקייט און מען מאַכט עס פאַר אַ כלל אייגענטום, נעהמט מען אוועק דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער אונטערנעמונג און זי מוז איינפאַלען.

אויב דאָס איז אמת וועגען רוסישע און אַנדערע פויערים, איז עס נאָך מעהר אמת וועגען אידישע פויערים און קאָלאָניסטען. אידען זיינען די גרעסטע אינדיווידואַליסטען אין דער וועלט. זיי קענען ניט פאַרטראָגען דעם יאָך אפילו פון אַ פאַבריק. די שטאַרקסטע אידישע שטרעבונג איז צו ווערען זעלבסטשטענדיג זיין בעל־הבית פאַר זיך. אויסער דעם איז דער געפיהל פון פּריוואַט אייגענטום ענטוויקעלט ביי אידען מעהר ווי ביי אַנדערע. ערד־קאָלעקטיוויזאַציע נעהמט צו פון אידען אי זיין זעלבסטשטענדיגקייט, אי זיין פּריוואַט־אייגענטום. עס מוז דאָרום ביי אידישע קאָלאָניסטען זיין נאָך אַ גרעסערער דורכפאַל ווי ביי אַנדערע.

אַלס צוגאָב צו די אַלע געוועהנליכע צרות פון ערד־קאָלעקטיוויזאַציע זיינען ביי אידען אין רוסלאַנד פאַראַן נאָך גאָר אַנדערע, ספּעציעלע זייטיגע צרות, וועלכע די רוסען און אַנדערע פעלקער האָבען ניט. די גרעסטע פון די דאָזיגע זייטיגע צרות איז די אַזוי־גערופענע אינטערנאַציאָנאַליזאַציע.

„אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" מיינט דאָס אויסמישען פון קאָלאָניעס פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען אין איין גרויסער קאָלעקטיווער קאָלאָניע. דער הויפּט צוועק פון ערד־קאָלעקטיוויזאַציע איז, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, צו פּראָדוצירען ערד פּראָדוקטען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. צוליעב דעם דאַרף מען צונויפגיסען קליינע איינצעלנע פאַרמס אין גרעסערע און אָפּט אויך דאַרף מען גאַנצע קאָלאָניעס אויפגיסען מיט אַנדערע. ביי די רוסען און אוקראַינער איז דאָס ניט קיין ספּעציעלע פּראָבלעם. זיי וואוינען און אַרבייטען צוזאַמען אויף גרויסע ערד שטחים און זיי ליידען ניט דערפון וואָס מען גיסט צוזאַמען עטליכע דערפער אין איין גרויסען דאָרף.

גאַנץ אַנדערש איז עס ביי אידען. די אידישע קאָלאָניעס זיינען מעהרסטענס צעוואָרפען צווישען ניט־אידישע. אין גאַנץ רוסלאַנד זיינען פאַראַן בלויז צוויי ראַיאָנען, וואו אידישע קאָלאָניעס ליגען איינע נעבען די אַנדערע. די איבעריגע אידישע ישובים זיינען קליינע אידישע אינזלען אַרומגערינגעלט פון אַ ים ניט־אידישע. ווען מען גיסט זיי יעצט אויף צוזאַמען מיט די אַרומיגע קאָלאָניעס אין איין גרויסער קאָלעקטיווער קאָלאָניע איז ווערט, ערשטענס די אידישע קאָלאָניע איינגאַנצען פאַרשוואונדען; אַלס אַ אידישער ישוב, און, צווייטענס, ליידען דערפון די אידישע קאָלאָניסטען, וועלכע פיהרען געוועהנליך גאָר אַן אַנדער סאָרט לעבען פון די רוסישע פויערים, מיט וועלכע מען מישט זיי אויף צוזאַמען. אידישע און ניט־אידישע קאָלאָניסטען קענען גאַנץ גוט לעבען בשלום אַלס שכנים, אָבער ווען מען צווינגט זיי פיהרען איין באַלעבאַטישקייט צוזאַמען; וועלען דאָס אידען ניט קענען אויסהאַלטען, ווייל זייער אָרט לעבען איז גאָר אַן אַנדערער.

***

דאָס זיינען די שטאַרקסטע טענות פון די געגנער פון דער ערד־קאָלעקטיוויזאַציע און אויף דעם בויען זיי זייער פאַראויסזאָגונג פון דעם אונטערגאַנג פון דער גאַנצער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד יעצט אַלס רעזולטאַט פון דער גרויסער איבערקערעניש, וועלכע געהט יעצט דאָרט אָן.

דער צווייטער צד האָט אויך ניט קיין שוואַכע אַרגומענטען און ער באַווייזט אפשר ניט מיט קיין קלענערער לאָגיק, ריכטיג דאָס פאַרקערטע, נעמליך, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע וועט העלפען די אידישע קאָלאָניזאַציע.

מכח ערד־קאָלעקטיוויזאַציע בכלל, זאָגען דיזע מענשען, אַז ערד־אַרבייט איז היינטיגע יאָהרען ניט אַנדערש פון אַנדערע אַרבייטען. אַלעס ווערט יעצט געטאָן אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. אַלעס ווערט מעכאַניזירט און קאָלעקטיוויזירט, און ערד־אַרבייט קען ניט זיין קיין אויסנאַמע. ס'וועלען יעצט אויף די פאַרמס באַנוצט אַלץ מעהר און מעהר מאַשינען און עס ווערט אַלץ שווערער און שווערער פאַר איין פאַרמער אָדער קאָלאָניסט צו באַנוצען דיזע אַלע מאַשינען פאַר זיך אַליין. די מאַשינען זיינען נויטיג, ווייל אָהן זיי קען מען יעצט ניט בעאַרבייטען די ערד ערפאָלגרייך. איינער אַליין קען אַ פויער זיי ניט באַנוצען, איז עס דאָרום אַ נאַטירליכע ענטוויקלונג, אַז פויערים זאָלען זיך פאַראייניגען צוזאַמען, כדי בעסער צו בעאַרבייטען זייער ערד לויט די בעסטע און נייעסטע מעטאָדען.

דער פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַציע און שותפות'דיגען לעבען דרינגט יעצט אַלץ מעהר און מעהר אַריין אין דער וועלט און פאַרמעריי איז ניט קיין אויסנאַהם. אין מזרח־איירופּע איז יעצט דער קאָאָפּעראַטיוו דער גרעסטער פאַקטאָר אין דעם לעבען פון אַלע לענדער. אפילו אויסער לענדער. קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, קאָאָפּעראַטיווע באַנקען, קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען, הייזער און פאַרשידענע אונטערנעהמונגען שטופּען אַלץ מעהר אַרויס די פריהערדיגע איינצעלנע אונטערנעהמער. דאָס איז יעצט דער ענטוויקלונגס פּראָצעס פון דער גאַנצער וועלט. ערד־אַרבייט קען ניט זיין אַנדערש פון אַנדערע טעטיגקייטען. פריהער אָדער שפּעטער וועט עס מוזען קאָלעקטיוויזירט ווערען איבער דער גאַנצער וועלט. רוסלאַנד טוט יעצט בלויז פריהער דאָס, וואָס די גאַנצע איבעריגע וועלט וועט טאָן מיט אַ דור אָדער צוויי שפּעטער.

וואָס איז שייך אידען, איז נאָר ניט אמת, אַז זיי זיינען ספּעציעל שטאַרקע אינדיווידואַליסטען. דער פאַקט איז, אַז זיי נעהמען אויף און פּאַסען זיך צו צו דעם פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַציע בעסער פון אַנדערע אין גאַנץ מזרח־איירופּע. עס איז גוט באַוואוסט, אַז אידען האָבען אויפגעבויט און פיהרען אָן די בעסטע און ערפאָלגרייכסטע קאָאָפּעראַטיוון אין אַנדערע לענדער. דער בעסטער באַווייז דערפון איז, פאַרשטעהט זיך, די חלוצ'ישע באַוועגונג אין איירופּע, וועלכע איז דורכאויס אַ קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, און אויך די קבוצה'שע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע. מען וואָלט געקענט אָנשרייבען אייניגע לאַנגע אַרטיקלען צו דערצעהלען וועגען אַלע אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אידישע אונטערנעהמונגען אויסער רוסלאַנד, וואו די רעגירונג צווינגט ניט איבערצוגעהן צו קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט און וואו אידען נעהמען זיך אַליין, פרייוויליג, דורך זייער אייגענער איניציאַטיווע צו דיזער נייער פאָרמע פון ווירטשאַפט.

עס איז טאַקע אמת, אַז אידען האָבען ליב זעלבסטשטענדיגקייט; אידען האָבען אָבער אויך אַ זעלטענע פעהיגקייט זיך צופּאַסען צו באַדינגונגען. אין אַן אינדיווידואַליסטישע אָרדנונג זיינען זיי די גרעסטע אינדיווידואַליסטען. אין אַ קאָלעקטיווער אָרדנונג זיינען זיי די גרעסטע און בעסטע קאָלעקטיוויסטען; אידען, אַזוי ווי אַלע מענשען, זוכען איבעראַל צו מאַכען אַ לעבען און אין יעדער לאַנד אָרדנען זיי איין זייער אַרבייט און באַשעפטיגונג לויט די מנהגים און לעבען פון דעם דאָזיגען לאַנד. זאָל רוסלאַנד איבערבויען איהר ווירטשאַפט קאָלעקטיוויסטיש און אידען וועלען זיין די ערשטע זיך צופּאַסען צו דער נייער אָרדנונג און מאַכען דעם גרעסטען ערפאָלג אין איהר, אַזוי ווי זיי האָבען עס געטאָן אין די פריהערדיגע יאָהרען. אידען זיינען ניט געבונדען צו איין סיסטעם אָדער צו איין אָרט לעבען. זיי זיינען לעבעדיגע מענשען און בייטען זיך לויט די פאָדערונגען פון דער צייט און פון די באַדינגונגען. פאַרקעהרט, זיי בייטען זיך שנעלער פון אַנדערע.

וואָס אַמבעלאַנגט די צוגעבונדענקייט פון דעם אידישען קאָלאָניסט צו פּריוואַט אייגענטום האָט דער באַרימטער אידישער כלל־טוער מערעזשין אין אַ רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין מאָסקווע (באַריכטעט אין „עמעס" פון 25־טען פעברואַר) באַוויזען, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ לעגענדע. ער האָט באַוויזען מיט פאַקטען, אַז אייגענטליך האָט יעצט גאָר ניט דער אידישער קאָלאָניסט אין רוסלאַנד קיין פּריוואַט אייגענטום. אַלעס וואָס ער האָט איז איהם געגעבען געוואָרען אָדער פון דער רעגירונג אָדער פון אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציאָנען. צוליב דיזער אורזאַכע איז ביי דעם אידישען קאָלאָניסט ווייניגער ענטוויקעלט דאָס געפיהל פון פּריוואַט אייגענטום ווי ביי דעם רוסישען פויער אפילו. דער פויער ווייס, אַז זיין שטיקעל ערד איז זיין אייגענטום, און עס איז געוועזען דאָס אייגענטום פון זיין פאַמיליע פאַר הונדערטער יאָהרען. דאָס זעלבע איז וועגען יעדער שטיקעל באַלעבאַטישקייט. ביי די אידישע קאָלאָניסטען איז ריכטיג פאַרקערט. די ערד האָט ער באַקומען פון דער רעגירונג ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק. זיין הויז און באַלעבאַטישקייט איז איהם געגעבען געוואָרען פון די רעליעף געזעלשאַפטען. עס איז גאָר ניט זיינס. אַלעס באַלאַנגט אָדער צו דער רעגירונג אָדער צום „דזשאָינט", וואָס־זשע איז איהם דער אונטערשייד אויב מען מאַכט דערפון אַ קאָלעקטיוו ווירטשאַפט אָדער אַן איינצעל־ווירטשאַפט? עס איז ניט זיין אייגענטום אין יעדען פאַל, וואָס האָט ער זיך דאָ אַזוי צו נעהמען צום האַרצען וועגען דעם? וואָס די רעגירונג און די רעליעף געזעלשאַפטען געפינען פאַר בעסער צו טאָן טהוט ער.

נאָך איין אַרגומענט האָט מערעזשין אַרויסגעבראַכט אין דער זעלבער רעדע, וואָס איז זעהר וויכטיג, אַז מען זאָל ביי אונז זיין באַקאַנט מיט דעם. דאָס איז, אַז צוליעב דער יעצטיגער קאָלעקטיוויזאַציע אין רוסלאַנד ווערען די מעגליכקייטען פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד פאַרגרעסערט אויף צענדליגער מאָל.

צו אַלעם ערשטען ווערט דער שטח פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע פיעל פאַרגרעסערט. דורך דער יעצטיגער צווייטער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זיינען באַפרייט געוואָרען נייע גרויסע שטחים גוטע ערד אין אוקראַינע און קרים, וועלכע מען האָט קאָנפיסקירט פון די אַזוי־גערופענע „קולאַקעס" (רייכע פויערים). פילע פון דיזער פריי־געוואָרענער ערד ווערט צוגעגעבען צו נייע אידישע קאָלאָניסטען. מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק איז אין אוקראַינע און קרים שוין קיין ערד מעהר ניט געווען פאַר נייע אידישע ערד־אַרבייט. היינטיגס יאָהר האָט מען שוין אַרויסגעגעבען ערד צו 6000 נייע אידישע משפחות.

אויסער דעם, פיהרט קאָלעקטיוויזאַציע דערצו, אַז די רעגירונג זאָל אָנפאַנגען זיך מעהר צו אינטערעסירען מיט דער אידישער קאָלאָניזאַציע ווי פריהער. ערד־אַרבייט איז יעצט ניט מעהר אַן אינדיווידועלע, פּריוואַט־זאַך אין רוסלאַנד. עס איז אַ רעגירונגס־זאַך און די רעגירונג דאַרף זיך זאָרגען דערפאַר. ביז יעצט האָבען די אידישע רעליעף געזעלשאַפטען זיך געמוזט זאָרגען פאַר אידישע קאָלאָניעס, זיי צושטעלען זריעה, מאַשינען, פיה, הייזער א. אז. וו. יעצט פאַנגט אָן די מלוכה איבערצונעמען די דאָזיגע זאָרגען אַלץ מעהר און מעהר. לויט מערעזשינ'ס ציפערען האָבען די אידישע געזעלשאַפטען פון 1925 ביז 1929 באַזאָרגט די אידישע קאָלאָניעס מיט 20 מיליאָן רובעל און די רוסישע רעגירונג מיט 9½ מיליאָנען. דעם יאָהר באַזאָרגט שוין די רעגירונג מיט 12 מיליאָנען און די געזעלשאַפטען מיט 3½ מיליאָנען. דאָס ציינט ווי שנעל דער טעמפּאָ פון דער רעגירונגס־אַרבייט איז געוואַקסען דעם יאָהר צוליעב דער קאָלעקטיוויזאַציע. דאָס עפענט אויך, פאַרשטעהט זיך, גרעסערע מעגליכקייטען פאַר דער אידישער ערד־אַרבייט. די אָרימסטע רעגירונג איז רייכער פון די רייכסטע רעליעף אָרגאַניזאַציעס און קען אויפטאָן פיעל מעהר אויב זי איז נאָר פאַראינטערעסירט אין אַן אונטערנעהמונג.

די איינציגע צרה פון ערד־קאָלעקטיוויזאַציע פאַר אידען איז די „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע". דאָס צונויפגיסען פון אידישע מיט ניט־אידישע באַלעבאַטישקייטען איז טאַקע אַן אמת'ער אומגליק, קעגען וועלכען די אידישע קאָלאָניסטען פּראָטעסטירען איבעראַל. עס זיינען אָבער פאַראַן אורזאַכען צו גלויבען, אַז „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע" איז ניט פּאָפּולער אפילו ביי די קאָמוניסטען זעלבסט, ווייל ניט נאָר אידען ווילען ניט אויסגעמישט ווערען מיט ניט־אידען, נאָר אויך גוים ווילען זיך ניט מישען מיט אידען, אוקראַינער ווילען זיך ניט מישען מיט דייטשען, דייטשען מיט טאַטאַרען א. אז. וו. און די דאָזיגע סיסטעם ווערט יעצט אָפּגעשאַפט צו ביסלעכווייז און וועט מיסטאָמע איינגאַנצען פאַרשווינדען. מיט קאָלעקטיוויזאַציע גופא האָט די דאָזיגע משוגעת יעדענפאַלס ניט צו טאָן. עס איז אַ זייטיגע צרה, וועלכע וועט אפשר לאַנג ניט אָנהאַלטען. ערד־קאָלעקטיוויזאַציע אין זיך זעלבסט אָהן זייטיגע צרות פיהרט דערווייל ניט צום אונטערגאַנג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, פאַרקעהרט, עס איז אַ באַשטימטע הילף פאַר די אידישע קאָלאָניסטען יעצט און עס עפענט אויך נייע גרויסע מעגליכקייטען פאַר דער אידישער ערד באַוועגונג אין דער צוקונפט.




# זעהט זיך שטאַרק אָן

## אלס דער בעסערער סיגארעט

דער איינציגער געדאַנק פון בעסטער קוואליטעט איז געווען די אינספּיראַציע פאַר קעמעל סיגאַרעטס.

פון דער צייט ווען קעמעל סיגאַרעטס זיינען צוערשט געמאַכט געוואָרען האלט זיי דיעזער געדאַנק באַזונדער פון אלע.

אַ פּאָליסי פון בעסערע טאַבאַקען, צונויפגעמישט אויף אַן אונפאַרגליכליכען אופן, פאַבריצירט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט — אום צו פאַרזיכערען דעם גרעסטען פאַרגעניגען ביים רויכערען.

דאָס איז דער אידעאַל און די פּראַקטיק הינטער יעדען פּעקעדזש קעמעל סיגאַרעטס.

דאָס האָט געמאַכט קעמעל פאַר דעם פּאָפּולערסטען סיגאַרעט וואָס איז ווען געווען. מעהרער מיליאָנען מענשען האָבען אויסגעקליבען קעמעלס פאַר פאַר־געניגען פון רויכערען ווי אירגענד אַן אַנדער סיגאַרעט צו אַלע צייטען.

# CAMELS

## פאַר פאַרגעניגען

© 1930, R. J. Reynolds Tobacco Company, Winston-Salem, N. C.

# פון צייט צו צייט

(שלום פון זיוו 7).

מען ערווארטען א רעוואלוציע אין אמעריקא.

❀

אין אלגעמיין פאדערט זיך א גרינדליכע ענדערונג אין אונזער איצטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג, צי יא רעוואלוציע אדער ניט. עס איז דאך פשוט אן אונזין, אז מענשען זאלען וועלען ארבייטען און דאך מוזען ארומגעהן לעדיג און הונגעריג. און ניט וויל עס איז אין לאנד ניטא גענוג וואס צו עסען פאר אלעמען. אין געגענטייל, עס איז נאך פאראן מעהר ווי צופיל, נאר כדי צו קריגע וואס צו עסען דארף מען ארבייטען, אבער ווען מען וויל ארבייטען איז קיין ארבייט ניטא. דאס איז דאך אן אמת'ע משוגענע ארדנונג.

און איז דען ווירקליך קיין ארבייט ניטא? ניין, ארבייט איז דאך גענוג, נאר דער גרעסטער טייל ארבייטער ארבייטען צופיל און עס בלייבט דעריבער ניט קיין ארבייט פאר די איבעריגע. ווען אנשטאט צו ארבייטען 8 שטונדען א טאג וואלט מען געארבייט 6 וואלט געווען גענוג ארבייט פאר אלעמען. און אויב 6 שטונדען ארבייט איז אויך צופיל, דאן זאל זיין 5 אדער 4. איין זאך דארף זיין קלאר און אונבאשטרייטבאר, אז דער וואס וויל ארבייטען און פראדוצירען, כדי צו פארדינען אויף א לעבען, מוז קריגען א געלעגענהייט צו ארבייטען. און אויב אין דער איצטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג קען דאס אזוי ניט זיין, דאן מוז מען איבערמאכען די ארדנונג, גאנץ גלייך צי דורך א רעוואלוציע אדער אהן א רעוואלוציע. ווארום אין גרונד גענומען איז דאך רעוואלוציע בלויז א ווארט, און אויב עס זיינען פאראן מענשען, וואס שרעקען זיך פאר דעם ווארט, דאן קען מען דאס ווארט ענדערען אדער איבערבייטען אויף א ווייניגער שרעקענדיגען. פון מיינעטוועגען זאל עס זיין עוואלוציע, אבער זאל נאר זיין וואס ניכער. דער טראבעל מיט עוואלוציע איז, וואס עס דויערט צו לאנג. עוואלוציע ארבייט לאנגזאם. ווען זי וואלט ארבייטען ביי קלאוקס וואלטען די מאנופעקטשורערס זאגען „שי סאלדזשערס אן דהי דזשאב". דארף מען דעריבער די פוילע עוואלוציע א ביסעל אונטערשטופען, אז זי זאל ארבייטען א ביסעל שנעלער.

❀

איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האב ניט קיין גרויסע האפנונגען, אז דער פראטעסט פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר געגען דער באשטימונג פון ריכטער פארקער פאר א מיטגליד פון העכסטען געריכט וועט האבען א ווירקונג אויף דעם סענאט. איך גלויב, אז פארקער איז זיכער מיט א מאיאריטעט אין סענאט און א גאנץ גרויסע מאיאריטעט. פארקער ווערט באשולדיגט, אז ער איז א פיינד פון ארגאניזירטער ארבייט, א פיינד פון יוניאן, אבער אנקלאגען איינעם פאר דעם איצטיגען סענאט פאר זיין פיינדשאפט צו ארגאניזירטער ארבייט איז פונקט ווי פארקלאגען דעם טייוועל פאר זיין באבען. עס זיינען פאראן אין סענאט עטליכע פראגרעסיווע סענאטארען, וועלכע זיינען גרייט זיך אנצונעמען ביז א געוויסער מאס פאר די אינטערעסע פון ארגאניזירטער ארבייט, אבער די מאיאריטעט פון סענאט איז זיכער ניט פראגרעסיווער פון פרעזידענט הואווער און ווען הואווער האט אויסגעקליבען פאר זיין קאנדידאט ריכטער פארקער, דאן וועט די מאיאריטעט פון סענאט איהם זיכער באשטעטיגען.

מיין איך דערמיט צו זאגען, אז עס איז אן איבעריגע זאך צו פראטעסטירען צום סענאט געגען פארקער'ס באשטימונג? ניין, דאס געוויס ניט. געוויס דארף מען פראטעסטירען, און וואס שטארקער. פרעזידענט גרין האט געמאכט אן אויסגעצייכענטען דזשאב מיט זיין פראטעסט־רעדע געגען פארקער'ן פאר דער יוסטיץ־קאמיטע פון סענאט און די וויכטיגסטע צייטונגען פון לאנד האבען גאנץ פראמינענט געדרוקט דעם פראטעסט פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר. אבער דער פאקט, וואס פרעזידענט הואווער האט אויסגעקליבען א פיינד פון ארגאניזירטער ארבייט פאר א מיטגליד פון הכסטען געריכט, באוויזט, אז הואווער און זיין אדמיניסטראציע רעכענען זיך גאנץ ווייניג מיט דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר. און דאס איז דערפאר, וואס די אמעריקאנער ארבייטער שטעלען מיט זיך ניט פאר קיין ארגאניזירטע פאליטישע מאכט.

ווען די ארבייטער אין אמעריקא וואלטען געווען פאליטיש ארגאניזירט, עס הייסט, ווען זיי וואלטען געהאט זייער אייגענע פאליטישע פארטיי, וואלטען אזעלכע אינדזשאנקשאנס, וואס ריכטער פארקער האט ארויסגעגעבען געגען ארגאניזירטער ארבייט איבערהויפט געווען אונמעגליך. און איז דאך פארקער ניט דער איינציגער אינדזשאנקשאניסט אין אמעריקא. עס ווערען אפט פון אמעריקאנער ריכטער ארויסגעגעבען אינדזשאנקשאנס געגען ארגאניזירטער ארבייט וואס זיינען איינפאך ווילד און אונגלויבליך. אט האט, למשל, א ריכטער אין נארטהעמטאן קאונטי, פענסילווייניא, ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן, וואס פארבאט דער שטרייקערס יוניאן צו ערקלערען דער ארטיגער באפעלקערונג ווארום א יעלאו דאג קאנטראקט טויג ניט פאר די ארבייטער פון א געוויסער זאקען פאבריק. דער פארבאט איז, אלזא, ניט נאר פאר דער יוניאן אפצורייזען די ארבייטער פון דער פאבריק פון דעם יעלאו דאג קאנטראקט, נאר עס איז איהר אפילו פארבאטען צו דערצעהלען דער באפעלקערונג אין אלגעמיין, אז דער יעלאו דאג קאנטראקט פון דער דערמאנטער פאבריק טויג ניט.

אזוינס איז דאכט זיך אונגלויבליך, אבער עס איז דאך א פאקט. און וואלטען די ארבייטער געווען פאליטיש ארגאניזירט און וואלטען פארגעשטעלט א פאליטישע מאכט וואלטען זיכער אזעלכע ווילדע אינדזשאנקשאנס געווען אונמעגליך.

און מען מוז דעריבער קומען יעדעס מאל צום געדאנק, אז די ארבייטער אין אמעריקע וועלען זייער עקאנאמישען קאמף קענען פיהרען מיט מעהר ערפאלג בלויז, ווען זיי וועלען אויך זיין פאליטיש ארגאניזירט.

ווען די ארבייטער אין אמעריקא וואלטען געווען פאליטיש ארגאניזירט און וואלטען געהאט אן אייגענע שטארקע פאליטישע פארטיי וואלטען מיר היינט געהאט אין אמעריקא א רעגירונגס־פאנד פאר ארבייטסלאזען פארזיכערונג, ווי מען האט עס אין ענגלאנד, אין דייטשלאנד און אין אנדערע אייראפעאישע לענדער. ענגלאנד און דייטשלאנד זיינען ארימער, א סך ארימער פון אמעריקא, און די צאהל פון ארבייטסלאזע איז דארטען פראפארציאנעל אזוי גרויס און אפשר נאך גרעסער ווי אין אמעריקא, אבער מען זעהט דארטען דאך ניט אט דאס ארבייטער דערנידעריגענדע בילד פון די לאנגע ברעד לאינס, וואס מיר זעהען דא. פון דער עפענטליכער בעטלער־שאנד זיינען זיי דארטען פריי. יעדער ארבייטסלאזער קריגט א געוויסע שטיצע פון דער רעגירונג און אויב די שטיצע איז ניט גענוג צו האלטען דעם ארבייטסלאזען מיט זיין פאמיליע אין גאנצען זאט, אבער זי איז דאך גענוג, אז ער זאל זיך ניט דארפען דערנידעריגען און זיך שטעלען אין ברעד לאין.

❀

כאוועד אלבערט וויסבארד, וועלכער איז מיט א דריי יאהר צוריק געווארען זעהר בארימט דורך דעם טעקסטיל־סטרייק אין פאסייק, איז ענדליך אין גאנצען אויסגעשלאסען געווארען פון דער קאמוניסטישער פארטיי און ער איז איצט א פאלשטענדיג פרייער מענש צו טראכטען וואס ער וויל און צו האבען אייגענע מיינונגען וועגען וואס ער וויל.

מיט א האלב יאהר צוריק, דאכט זיך, איז וויסבארד בלויז „סוספענדירט" געווארען פון דער קאמוניסטישער פארטיי. מען האט איהם געגעבען צייט תשובה צו טאן און אריינצונעמען פעסט אין זיין קאפ, אז א קאמוניסט טאר אליין ניט טראכטען און טאר ניט האבען קיין אייגענע מיינונגען. א קאמוניסט דארף וויסען, אז עס איז פאראן א דריטער אינטערנאציאנאל אין מאסקווע וואס טוט די ארבייט פון טראכטען און שטעלט צו פארטיגע מיינונגען פאר די מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער פארטיי. אבער וויסבארד, ווי מען קען זעהן, האט קיין תשובה ניט געטאן און האט זיך ניט געבעסערט און ער איז דעריבער אויסגעשלאסען געווארען פון דער קאמוניסטישער פארטיי „פאר גוד", ווי מען זאגט עס אין אמעריקאנער אידיש.

איך ווייס ניט ווער עס וועט איצט מאכען דער היגער קאמוניסטישער פארטיי די טעקסטיל־סטרייקס, אבער איך ווייס, אז ניט אלבערט וויסבארד. פונקט ווי איך בין זיכער, אז פאשא זימערמאן וועט מעהר ניט מאכען קיין דרעסמאכער סטרייקס פאר דער היגער קאמוניסטישער פארטיי.

און אט אזוי וואקסט די ארמעע פון ארבייטסלאזע: זימערמאן, וויסבארד, גראס, ווערא בוש און ווער קען געדענקען די אלע נעמען. זיי זיינען די לעצטע צייט געווארען צופיל און מען קען זיי מעהר ניט געדענקען.

## די קאלאניזאציע ארבייט פון „ארט".

דער „ארט" פיהרט זיין קאלאניזאציע ארבייט אין צוויי געגענדען פון סאוועט רוסלאנד: אין וויים־רוסלאנד און אין דעם אדעסער דיסטריקט.

דאס באדינען פון די אידישע קאלאניסטען דורך דעם „ארט" באשטעהט אין פאלגענדעס:

1) דער „ארט" באזארגט די אידישע קאלאניסטען מיט קרעדיטען, 2) דער „ארט" האלט אויס א סטעף פון אגראנאמען פאר די אידישע קאלאניסטען, אום צו לערנען זיי אין דער רבייט, 3) דער „ארט" מאכט פראדוקטיווער די גוירטשאפט פון דעם אידישען קאלאניסט דורך וויינגערטנעריי, דורך מילך־פארמס, גערטנעריי און 4) פאר יענע קאלאניסטען, וואס האבען גענוג צייט צו באשעפטיגען זיך אויך מיט אנדערע ארבייטען, ארדענט איין דער „ארט" טריקאטאזש ארטעלען, ווי אויך ארטעלען פאר קאכען סמאלע, מאכען קראכמאל און נאך אזוינע אונטערנעמונגען.

דער „ארט" איז דער וועגווייזער, דער לערער פון'ם אידישען קאלאניסט, וואו ער זאל זיך ניט קערען און ווענדען.

# פסח'דיגע געדאנקען

פון דזש. העלער, וויס-פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

היינט איז פסח אויף דער גאנצער וועלט. א גוט יום טוב, אייך! מען קען ניט זאגען, ס'איז ניט קיין שלעכטער יום טוב. מען רעדט שוין ניט וועגען די אלע גוטע מאכלים, וועגען די קניידלאך און דעם וויין און די אלע געקאכטע און געפרעגעלטע זאכען, וועלכע מיר מוזען אלע עסען. די קנאקעדיגע מצות און די מצה־ברייי און די קונעלאך און אנדערע גוטע זאכען.

אפילו אהן דעם אלעמען וואלט מען זיך אויך ניט קענען באקלאגען אויף אזא וואונדערבארען פייערטאג. פסח איז דאך דער יום־טוב פון באפרייאונג! וואס קען זיין שעהנער און הערליכער ווי דער גייסטיגער פארגעניגען פון די געדאנקען פון פרייהייט. פרייע מענשען זיינען מיר היינט, אידען! פרייע אין אלע הינזיכטען. וואס מיר ליים! וואס מיר ציגעל! וואה מיר בויען שלעסער פאר פרעה'ן! פאר זיך אליין! אלעס פאר זיך אליין! ווי אמת'ע גוטע פרייע בירגער.

קיין מאכט אין דער וועלט איז ניט אזוי שטארק ווי די מאכט פון פרייהייט. וועלכע מאכט אין דער וועלט וואלט געקענט צושפאלטען א ים, אויסער די מאכט פון פרייהייט? אנו, זאגט אויב איהר ווייסט. א שאד אייער טרחה, איהר וועט עס ניט געפינען. היינט וואו וואלטען מיר געקענט קריגען מן אין מדבר, ווען מיר וואלטען ניט אלע געווען קיין פרייהייטס־קעמפער? א נעכטיגער טאג! איהר ווייסט עס אליין, אז אזא זאך וואלט אונמעגליך געווען אהן דעם גאט פון פרייהייט.

אט שטעהען טויזענדער און טויזענדער אידען מיט די הענט אויסגעשטרעקט צו גאט. זייערע קולות און גוואלדען דערגרייכען ביז צו די הימלען. משה, דער הויפט קאמאנדיר, רופט די שקלאפען צו אנטלויפען פון מצרים. זיי ענטפערען אויף דעם רוף. מען שלעפט די טייג פון די דייזשעס, נאך ניט קיין איינגעזייערטע, און מען לויפט. אלע ווילד פאר פרייד, פאר שמחה פון דעם געדאנק, אז אט באלד און זיי זיינען באפרייט! דער ים־סוף שפרינגט קדוש פאר זיי; די זון באקט די ערד; די הימלען שטראהלען פאר גליק. טויטע געגענדען ווערען באזעלט מיט לעבען! אלעס ארבייט אין א געטליכער הארמאניע פון פרייהייט.

א שעהנער יום טוב פסח! ווען דער ווירקליכער לעבען וואלט נאר ניט צושטערט די אילוזיעס. ווען מען וואלט נאר געקענט זיך אריינטוליען אין הסב־בעט און פארגעסען די שווארצע געגענווארט אין דער שעהנער פארגאנגענהייט!

❀

אט זיצט ברודער בערעל ביים סדר. זיין מאדערנער פרעה'לע האט איהם אפגעלעגט פון דער ארבייט מיט צוויי וואכען צוריק. זיין גאנצער סעזאן איז באשטאנען פון זעקס וואכען. קוים צוזאמענגעבארגט אויף פסח. זיין קישען איז פול מיט שפילקעס.

מה נשתנה? — וואס איז עפעס דער היינטיגער סעזאן ערגער פון אלע סעזאנען?

די הערליכע פארגאנגענהייט פארשווינדט שנעל פון זיינע אויגען. אלעס וואס ער זעהט איז זיין אומעטיגע געגענווארט.

אט זיצען נעבען איהם רוטה, בעקי און סאניטשקע — זיינע דריי קינדערלאך. ליבע, אונשולדיגע מלאכים'לאך. עס רייסט איהם דאס הארץ קוקענדיג אויף זיי. עס דאכט זיך איהם, עס שטעלט זיך איהם פאר, אז עס גלאנצט א טרער אין זייערע אייגעלאך. עס פארקלעמט איהם דאס הארץ. עס שטיקט איהם אויך א טרער. ער דערזעהט פאר זיך דעם לאנגען סלעק, וואס שטעהט איהם פאר. ווייטער די שער אין פאקעט; ווייטער זוכען א דזשאב; ווייטער ניט געפינען; ווייטער אומגעהן טאג נאך טאג פארשמאכט און פארלוירען; ווייטער, ווייטער . . . עבדים היינו! שקלאפען זיינען מיר געווען, און שקלאפען וועלען מיר בלייבען? ניין!

❀

אט זיצט ביים סדר חיים.

ער איז א סטרייקער פון שאפירא און סאנס — א נייער דור פרעה'ס. יאהרען און יאהרען האט ער אין זייער פאבריק פארבראכט. אלטע דורות האבען פאר די נייע זיין פראצע אלס ירושה איבערגעלאזט. אויפעבויט פאר זיי פאלאצען. זיי שווינדלען און גריבלען זיך אין ציפערען. און ער, חיים? — ער פראוועט זיין סדר מיט סטרייק־בענעפיט־געלט!

פארוואס? ער האט קיינעם ניט באליידיגט, קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאן. ער האט בלויז געוואלט צו פאדערען ארבייט. ער האט געוואלט א געלעגענהייט צו קענען ערנעהרען זיין פרוי און קינדערלאך.

כל דור ודור — אין יעדען דור האבען מיר נייע שקלאפען־טרייבער צו באקעמפען. אין יעדען דור נייע עקספלואטאטארס צו באזיגען! אין יעדען דור נייע קעמפע! אין יעדען דור נייע שטרייטען! אין יעדען דור נייע טרערען! אין יעדען דור נייע מחנות פאראזיטען! קרבנות איבעראל!

א, ווען גאט ערוואכט ווידער, ווי א מאל אין מצרים, און שיקט ווידער באטש איינינע פון די עשרה מכות אלס שטראף צו די ברוטאלע באראנען פון דער ריפער־אינדוסטריע!

❀

פסח איז דער יום־טוב פון באפרייאונג. פסח איז דער יום טוב פון באנייאונג. פריהלינג קומט באלד מיט איהם. די זון וועט מוזען ווידער שיינען. די פרייהייטס־גלאקען וועלען ווידער קלינגען! די פייערונג פון דער ענדליכער באפרייאונג וועט מוזען קומען. דאן וועט די הגדה בעסער קלינגען.

אנו, חברה אלע צוזאמען:

— מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)

אָן מיין גערעכטיג־קייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען

# גערעכטיגקייט

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן

Vol. XII. No. 12. Jersey City, N. J., Thursday, May 1, 1930 דאָנערשטאַג, 1-טער מאַי, 1930 PRICE 3 CENTS

# אויף צו ערשטער-מאַי פייערונג!

## מאַכט ניט קיין באַרגענס מיט די באַלעבאַטים.

מאַכט ניט קיינע באַרגיינס מיט די באַלעבאַטים אין די שעפּער, איז דער אַפּיל פון דזשענעראַל מענעדזשער ברודער איזידאָר נאַגלער, צו אַלע אַרבייטער אין דער קלאָוק, סקוירט און ריפּער אינדוסטריע. דער סלעק סיזאָן האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען און די באַלעבאַטים וועלען מסתמא גלייך אָנפאַנגען צו וועלען מאַכען פאַרשיידענע באַרגיינס מיט די אַרבייטער. די אַרבייטער אין די שעפּער ווערען דערפאַר דרינגענד אויפגעפאָדערט ניט צו מאַכען קיינע שום באַרגיינס מיט די באַלעבאַטים, ווייל דאָס בראַכט אונטער די יוניאָן באַדינגונגען אין די שעפּער, דעמאָראַליזירט די אַרבייטער און פאַרניכטעט די יוניאָן. די אַרבייטער אין שאַפּ און ספּעציעל דעם שאַפּ טשערמאַן ווערען אויפגעפאָדערט גלייך צו מעלדען דעם יוניאָן אָפיס אין פאַל דער באָס וועט פּרואוועון צו פאַרלעצען די יוניאָן באַדינגונגען דורך באַרגענען מיט די אַרבייטער.

## מען טאָר מעהר ניט אַרבייטען שבתים.

שבת, דעם 19טען אַפּריל, האָט זיך געענדיגט דער טערמין ווען מען האָט געמעגט אַרבייטען שבתים, לויט דעם אַגרימענט פון דער יוניאָן מיט די באַלעבאַטים. די צוויי מאָנאַט צייט, ווען מען האָט געמעגט אַרבייטען שבתים, וועהרענד דער ספּרינג סיזאָן, האָבען זיך שוין געענדיגט און קיין באַלמעלאָכע טאָר ניט אַרבייטען אין שבת. ברודער איזידאָר נאַגלער, דער דזשענעראַל מענעדזשער פון דער קלאָוק, סקוירט און ריפּער מאַכער יוניאָן אַפּעלירט צו אַלע אַרבייטער אין די שעפּער זיך אויפצופיהרען ווי יוניאָן לייט און ניט צו אַרבייטען שבתים אַזוי לאַנג ווי דאָס איז לויט דעם יוניאָן אַגרימענט ניט ערלויבט.

# אַ באַגריסונג

### פון בענדזשאַמין שלעזינגער

פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

דער הייי־יאָהריגער ערשטער מאַי טרעפט די אָרגאַניזירטע אַרבייטער איבער דער וועלט ענגער פאַרבונדען און שטאַרקער ענטשלאָסען אָנצופיהרען דעם קאַמף פאַר מעהר מענשליכען גליק און פאַר מעהר עקאָנאָמישע זיכערהייט.

זאָגאַר אין אַמעריקאַ ווערט אין די רייהען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אַלץ קלעהרער אַז דער פּראָגראַם פון אַ יוניאָן מוז זיין צו באַשיצען דעם אַרבייטער ניט בלויז ווען ער איז יונג, אַרבייטספעהיג און האָט אַ דזשאַב, זאָנדערן אויך ווען ער איז אַלט, שוואַך און דורך דער צייט פון אַרבייטסלאָזיגקייט.

צום סוף פון דער וועלט מלחמה איז די אַרבייטער באַוועגונג געווען דעמאָראַליזירט. אַלס רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישען חורבן וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט איז מעגליך געווען פאַר אַ הייפעל קאָמוניסטישע אַוואַנטוריסטען צו פאַרוואַנדלען אַזאַ ריזיגע לאַנד ווי רוסלאַנד, מיט אַזוי פיל נאַטירליכע רייכטימער וויפיל זי פאַרמאָגט, אין איין גרויסען הקדש, און איין גרויסע ברעד־ליין. זאָגאַר איינינע יאָהר נאָך דער מלחמה איז די דעמאָראַליזאַציאָן צווישען די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין אייראָפּאַ געווען אַזוי גרויס אַז עס האָט אויסגעזעהן אַז דייטשלאַנד איז אין געפאַהר פאַרכאַפּט צו ווערען פון קאָמוניסטישע אַוואַנטוריסטען פּונקט ווי איטאַליען איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון פאַשיסטישע אַוואַנטוריסטען.

די צייט האָט אָבער געהיילט די וואונדען. אין די לעצטע פאַר יאָהר האָבען די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט איינגעזעהן אַז מיט געוואַלט און דיקטאַטור, מיט טויטען געגנער אָדער מיט פאַרשיקען זיי אויף קאַטאָרגע, קען מען קיין בעסערע אָרדנונג ניט איינפיהרען. זאָגאַר אין רוסלאַנד זיינען שוין היינט דאָ מיליאָנען וואָס פאַרשטייען עס.

און דאַרום פייערען מיר דעם היינטיגען ערשטען מאַי מיט מעהר זיכערהייט און גלויבען פאַר אַ גליקליכערע צוקונפט, ווי ווען עס איז בעפאָר.

זיי בעגריסט ערשטער מאַי, און זייט בעגריסט איהר צעהנדליגע מיליאָנען אַרבייטער איבער דער גאַנצער וועלט וואָס פייערען דיזען טאָג אַלס זייער יום טוב!

## אינטערנעשאָנאַל פאַנט אָן אַ דרייוו צו יוניאָניזירען דעם גאַרמענט טרייד אין באַלטימאָר

אַלע כוחות פון 70 טויזענט אָרגאַניזירטע גאַרמענט אַרבייטער וועלען געשטעלט ווערען אין אינטערעס פון אינטערנעשאָנאַל קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען די באַלטימאָרער גאַרמענט אַרבייטער. דאָס איז דער צוזאָג, וואָס פּרעזידענט בענדזשאַמין שלעזינגער האָט געמאַכט צו די באַלטימאָרער קלאָוק און דרעסמאַכער מיטוואָך, דעם 16טען אַפּריל.

שלעזינגער האָט באַמערקט, אַז ער ערוואַרט, דאָס לאָקאַל באַלעבאַטים וועלען נעהמען אין אַנבאַטראַכט דער יוניאָנ'ס פאָדערונגען פאַר אויסצוראָטען די סוועט־שעפּער, צו העכער'ען די וויידזשעס און פעסטצושטעלען אַ מינימום אַרבייטס־לוין. שלעזינגער האָט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז די מאַנופעקטשורער קענען ניט פאַרטראָגען אַ לאַנגען סטרייק, וועלכער וועט ווערען אומפאַרמיידליך, אויב די באַלעבאַטים וועלען בלייבען איינגע'עקשנ'ט.

רעדענדיג וועגען דעם גרויסען ערפאָלג, וואָס די יוניאָן האָט געהאַט מיט פאַרבעסערען די אַרבייטס־באַדינגונגען פון די אַרבייטער אין באָסטאָן, פילאַדעלפיאַ און אין פילע אַנדערע שטעט,— האָט ער פאַרזיכערט, אַז די אינטערנעשאָנאַל וועט אויך זיין ערפאָלגרייך אין באַלטימאָר, אויב די אַרבייטער וועלען נאָר שטעהן מיט זייערע פיהרער.

דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל איז געקומען קיין באַלטימאָר צום חנוכת־הבית פון די נייע יוניאָן העדקוואָרטערס, וואו ער האָט געהאַלטען אַן אינטערעסאַנטע רעדע איבער דעם ווערט און ציעל פון טרייד־יוניאָניזם.

## היינט גרויסע ערשטער מאַי פייערונג אין בראָנקס קאָליסעאום

טירען וועלען זיך עפענען 12 אַזייגער — פּראָגראַם וועט זיך אָנפאַנגען פּונקט 1 אַזייגער בייטאָג

| | | | |
|---|---|---|---|
| גרויסער אָרקעסטער א. ר. סינדער כאָר, א. ר. כאָר (גרויסע | קלאַסישער באַלעט און פּעדזשענט | באַוואוסטע אינטערנאַציאָנאַלע רעדנער | באַ־ ימטע אַרטיסטען פון מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז |

טיקעטס פאַר דער ערשטער מאַי פייערונג צו באַקומען אין אַלע אָפיסעס פון דער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן

# נייעס פון אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

## ברודער דובינסקי'ס טור פאר דער אינטערנעשאנאל

ברודער דוד דובינסקי, דער דזשענעראל סעקרעטער פון דער אינטערנעשאנאל, איז לעצטען מיטוואך ארויסגעפאהרען אויף א רייזע ארום דער פאסיפיק קאוסט פאר דער אינטערנעשאנאל. בר. דובינסקי איז געפאהרען אויף דער איניציאטיווע פון פרעזידענט שלעזינגער, וועלכער האט זיין רייזע אויפגעגעבען אין מיטען וועגן צוליב זיין שוואכען געזונט-צושטאנד.

ברודער דובינסקי וועט באזוכען שיקאגא, קענזעס סיטי, לאס אנדזשעלעס און סאן פראנציסקא.

## בריעף פון דזשענעראל אפיס צו אלע אינטערנעשאנאל לאקאלען

דער דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל האט אין די לעצטע טעג ארויסגעשיקט פאלגענדען בריעף צו אלע לאקאלען פון דער אינטערנעיישאנאל:

„טייערע ברידער!

„אויף דעם פערטעל-יאהריגען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס איז לעצטענס אפגעהאלטען געווארען אין באלטימאר איז די פראגע, ווי אזוי איינצומאהנען דעם אינטערנעיישאנאל טעקס פון פינף דאלאר פאר די נעקסטע צוויי יאהר, וואס איז באשלאסען געווארען פון אונזער קליוולענדער קאנוועגשאן און איז ראטיפיצירט געווארען פון אונזער מעמבערשיפ, גרינדליך באטראכט געווארען.

„די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט איינשטימיג באשלאסען, דאס קיין מיטגלידער-בוך זאל ניט אויסגעטוישט ווערען אזוי לאנג ביז דער באטרעפענדער מיטגליד וועט ניט האבען באצאלט דעם אינטערנעיישאנאל טעקס, פאר וואס ער בעדארף קרעדיטירט ווערען מיט א סטעמפ אויף זיין אלטען יוניאן בוך. די אינטערנעיישאנאל וועט עס באטראכטען פאר א פארלעצונג נעגען די געזעצען פון אונזער ארגאניזאציע, אויב דער אויביגער באשלוס וועט ניט דורכגעפירט ווערען און זי וועט דערפאר האלטען פאראנטווארטליך אלע לאקאל סעקרעטערע.

„אזוי ווי דער אודיטאר פון דער אינטערנעיישאנאל וועט אפטשעקען אלע אלטע בוקס, אום פעסטצושטעלען צי דער באשלוס איז אויסגעפאלגט געווארען, ווערט איהר אויפגעפאדערט גרייט צו האלטען די מיטגלידער ביכלעך פאר'ן קאנטראל.

אייער מיט הילף ערפאדערליך,
ברידערליך אייער
ב. שלעזינגער, פרעזידענט
ד. דובינסקי, סעק-טרעזש."

דעם 29טען מערץ האט דער דזשענעראל אפיס ארויסגעשיקט פאלגענדען בריף:

„צו אלע לאקאלען פון דער אינטערנעיישאנאל ליידים גארמענט ווארקערס יוניאן.

„טייערע ברידער!

„צווישען די וויכטיגע רעזאלוציעס, וואס זיינען אנגענומען געווארען אויף דער לעצטער קאנוועגשאן פון דער אינטערנעיישאנאל אין קליוולאנד, אין חודש דעצעמבער 1929, איז פאראן א רעזאלוציע, וואס פארלאנגט הילף פאר די יעניגע, וואס האבען אוועקגעגעבען דאס בעסטע וואס זיי האבען פארמאגט פאר דער אינטערנעיישאנאל, און וועלכע געפינען זיך איצט אהן מיטלען צום לעבען.

„די לעצטע קאנוועגשאן האט זיך איינשטימיג ארויסגעזאגט פאר דערפאר, אז אונזער יוניאן איז פארפליכטעט זיי צו העלפען און דארף געפינען א וועג וואס זאל זיי באפרייען פון אט די אומשטענדען, און האט באאויפטראגט די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו עטאבלירען א ספעציעלען פאנד, וואס זאל אויסשליסליך באנוצט ווערען צו דיזען צוועק.

„באטראכטענדיג אט די אנגעלעגענהייט, האט די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד באשלאסען צו טעקסען יעדען מיטגליד מיט צעהן סענט אלע וועקס מאנאט, און צו אינסטרואירען יעדען לאקאל סעקרעטאר, אז ער זאל אלע זעקס חדשים, בעפאר ער טוישט אוים דעם נייעם בוך, איינמאנען די צעהן סענט, פארוואס יעדער מיטגליד וועט באקומען א באזונדערען סטעמפ אויף זיין אלטען בוך. דער לאקאל וועט דיזע סטעמפס באקומען צוגעשיקט פון דער אינטערנעיישאנאל. די איינגעמאנטע געלטער דארפען גלייך ארייגעשיקט ווערען צום סעקרעטער-טרעזשורער פון דער אינטערנעיישאנאל, און זיי וועלען באנוצט ווערען צו דעם צוועק, וואס איז אויבען געשילדערט געווארען.

„זייענדיג זיכער, אז דיזער באשלום וועט וואהלוואלענד גוט-געהייסען ווערען פון יעדען מיטגליד, פארבלייבען מיר,
ברידערליך אייער,
ב. שלעזינגער, פרעזידענט
ד. דובינסקי, סעק-טרעזש."

א דריטען בריף האט דער דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעיישאנאל ארויסגעשיקט צו אלע סעקרעטערע פון די אינטערנעיישאנאל לאקאלען וועגען הילף פאר די פאליטישע ארעסטאנטען אין סאוועט-רוסלאנד. דער בריף לויטעט:

„טייערע ברידער!

„אויף דעם פערטעל יאהריגען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, איז די פראגע וועגען העלפען די פאליטישע פריזאנערם אין רוסלאנד און די ארגאנען וואס פארטיידיגען זיי, געבראכט געווא-ען צו דער אויפמערקזאמקייט פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, דורך א ווענדונג פון גענאסע אבראמאוויטש, וועלכער געפינט זיך איצט אין לאנד מיט דער מיסיע צו זאמלען געלט פאר אט דעם צוועק. די דאזיגע אקטיוויטעט ווערט אונטערשטיצט דורך דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אויף דער גאנצער וועלט.

„די דאזיגע אנגעלעגענהייט איז איבערגעגעבען געווארען צום דזשענעראל אפיס מיט דער אינסטרוקציע צו רופען א קאנפערענץ פון אלע לאקאלס פון ניו-יארק, מיט'ן צוועק צו זאמלען 2,000 דאלאר צווישען די לאקאלען אין דער דזשאינט באארד פאר אט דעם וויכטיגען צוועק.

„אויף א מיטינג פון אלע ניו יארקער לאקאל סעקרעטערע און פארשטעהער פון דער דזשאינט באארד אין ניו-יארק, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אפריל דעם דריטען, אין דעם בילדינג פון דער אינטערנעיישאנאל, איז איינשטימיג באשלאסען געווארען דאס די אינטערנעיישאנאל זאל דאס געלט גלייך אויסצאלען. די סומע אויף אייער לאקאל בעטרעפט — — —

„איהר ווערט אויפגעפאדערט די פארלאנגטע סומע גלייך ארייגצושיקען אין דזשענעראל אפיס.

ד. דובינסקי,
דזשענעראל סעק.-טרעזשורער".

## ווייטערע באריכטען פון דעם מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

אין משך פון די בארעטונגען זיינען ערשינען פאר דער באארד פארשיידענע קאמיטעס. א קאמיטע פון באלטימארער קלאוקמאכער האט זיך געווענדעט צו דער באארד מיט דער בקשה, אז די אינטערנעשאנאל זאל אנפאנגען אן ארגאניזאציאנס-דרייוו אין באלטימאר מיט'ן צוועק צו ארגאניזירען די ארבייטער פון דער אינדוסטריע, וועלכע ווערען שרעקליך אויסגענוצט ווייל עס איז דארט ניט פאראן קיין לאקאל יוניאן פון דער אינטערנעשאנאל. די באארד האט באטראכט דעם פארלאנג פון דער קאמיטע און האט באפאלמעכטיגט דעם דזשענעראל אפיס צו האנדלען לויט גוטאכטען אין אט דער פראגע.

א קאמיטע פון דער ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20 אין ניו יארק, וועלכע איז באשטאנען פון די ברידער גינגאלד, פרידמאן, קאפלאן און גראסמאן, האט פארלאנגט פון דער באארד אז זי זאל שענקען באזונדערע אויפמערקזאמקייט דעם ריינקאוט מארקעט אין באסטאן. די באארד האט אויך אין אט דער פראגע באשלאסען, אז דער דזשענעראל אפיס זאל באשטימען ווען עס זאל דארט אנגעפאנגען ווערען די פיהרונג פון אן ארגאניזאציאנס-קאמפיין און זאל האבען דאס רעכט פאר אט דעם צוועק צו באשטימען די נויטיגע מענשען.

א דריטע קאמיטע, וואס איז ערשינען פאר דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, איז געווען די קאמיטע פון דעם עפרייטארס לאקאל 2 אין ניו יארק. די קאמיטע איז באשטאנען פון לאקאל מענעדזשער ברודער נייטען היינס און פון לאקאל טשערמאן ברודער אלעקס סטודענט. די קאמיטע האט זיך באקלאגט פאר דער באארד, וואס די אנסאמבעל סוטס, וואס דארפען אויסגעארבייט ווערען אין קלאוק-שעפער, ווערען אויסגעארבייט אין דרעס שעפער.

אויף דעם פארלאנג פון דער קאמיטע, האט די גענ. עקז. באארד באשלאסען, דאס א קאמיטע, באשטעהענד פון גענעראל סעקרעטער דובינסקי און די וויים פרעזידענטען ניננפא און פיינבערג, זאלען אונטערזוכען זייער פארלאנג און באשטימען וועלכע שעפער עס דארפען באלאנגען אונטער דער קלאוקמאכער-אפטיילונג פון דעם דזשאינט באארד.

### וויים פרעזידענט ברעסלאווער'ס באריכט.

דורך א צופאל איז אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" ניט דערמאנט געווארען דער באריכט פון וויים-פרעזידענט ברעסלאוו, וועלכער איז אין די לעצטע מאנאטען געווען אזוי אינטענסיוו פארנומען מיט פארשיידענע יוניאן-טעטיגקייטען און ספעציעל מיט'ן דרעס מאכער סטרייק, אלס טשערמאן פון דער דזשענעראל האל-קאמיטע.

ברודער ברעסלאוו האט אפגעגעבען אן אינטערעסאנטען באריכט און האט זיך ספעציעל אפגעשטעלט אויפ'ן פראגרעס פון לאק. 35, וועלכער האט זיך צוליב דעם זיגרייכען גענעראל סטרייק אין דער דרעס-אינדוסטריע אנזעהליך פארגרעסערט.

## באלטימארער קלאוקמאכער עפענען א שעהנעם יוניאן אפים

**אין 221 וועסט באלטימאר סטריט — ערעפענונג דיזען מיטוואך, 7 אוהר אוועגד — פרעזידענט שלעזינגער קומט ספעציעל פון ניו יארק צו דער ערעפענונג.**

דיזען מיטוואך אוונט, דעם 16טען אפריל, וועט שטאטפינדען די אפיציעלע ערעפענונג פון דעם אפים פון דער באלטימארער קלאוקמאכער יוניאן, אין 221 וועסט באלטימאר סטריט.

דער אפים איז אין כאמע רעכטען הארץ פון דעם באלטימאר'ער ליידים' גארמענט דיסטריקט און ער איז איינגעפיקסט מיט אלע באקוועמליכקייטען. ער איז איינגעפיקסט מיט א דעפארטמענט פאר קאמפליינטס, א פינאנץ דעפארטמענט, אן ארגאניזאציאנס דעפארטמענט און א דעפארטמענט פאר שאפ-מיטינגען.

וויים-פרעזידענט האלפערן, אונטער וועמעס אויפזיכט דער קאמפעין צו ארגאניזירען די באלטימארער קלאוקמאכער ווערט אנגעפיהרט, האט צוגעגרייט א שעהנעם פראגראם לכבוד די ערעפענונג פון דעם אפים. פרעזידענט שלעזינגער קומט ספעציעל קיין באלטימאר זיך צו באטייליגען אין די חנוכת הבית צערעמאניעס. עס וועלען אויך אנטייל נעמען די אפיסעס פון דער באלטימאר פעדעריישאן און לייבאר.

דורך די לעצטע איינינע וואכען האט די באלטימארער קלאוקמאכער יוניאן ארייגעקראגען א גרויסע צאהל נייע מיטגלידער. יעדער פון די ניי-אנגעשלאסענע מיטגלידער איז א פאלשטענדינער (סקילד) קלאוקמאכער. מיר דערמאנען דיזען פאקט ווייל פון די דריי טויזענד ארבייטער וואס ווערען אין סיזאן באשעפטיגט אין די באלטימאר קלאוק שעפער, זיינען מעהר ווי צוויידריטעל „אנסקילד".

צווישען די טעטיגע מעמבערס פון דער באלטימארער יוניאן הערשט די איבערצייגונג אז ווען די „סקילד" ארבייטער וועלען זיך ארגאניזירען, וועט נאכהער זיין גרינג צו ארגאניזירען די „אנ-סקילד".

פרעזידענט שלעזינגער פערטינט איצט צו א בריעף, וועלכער וועט גלייך נאך פסח ארויסגעשיקט ווערען צו אלע באלטימארער מאנופעקטשורערס, איינלאדענדיג זיי צו א קאנפערענץ מיט דעם צוועק איינצושטעלען מעהר מענשליכע ארבייטס-בעדינגונגען אין דער אינדוסטריע. אין פאל עס וועט ניט געלינגען צו קומען צו קיין פרידליכען סעטלמענט, וועט די אינטערנעשאנאל מאכען פארבערייטונגען ארויסצורופען א דזשענעראל סטרייק אין באלטימארער קלאוק אינדוסטריע צום אנפאנג פון נייעם סיזאן.

## ארגאניזירטע צדדים אין דער אינדוסטרי פארלאנגען אינדזשאנקשאן געגען מאנופעקטשורערס פאר ברעכען אגרימענט

די קלאוקמאכער יוניאן, די דזשאבערס און די קאנטראקטארס האבען בשותפות פארלאנגט אן אינדזשאנקשאן געגען דעם דזשאבער דזשאזעף שטיין, פון 463 7טע עוועניו, ניו יארק. דער אינדזשאנקשאן איז פארלאנגט געווארען ווייל דער באטרעפענדער מאנופעקטשורער האט געבראכען דעם אגרימענט פון אלע דריי צדדים אין דער קלאוק-אינדוסטריע, וואס איז אונטערגעשריבען געווארען דעם 16טען דזשולי, 1929, און וועלכער איז גילטיג ביז 1932, דורך ארויסגעבען ארבייט צו ניט-יוניאן קאנטראקטארס.

די גריוועגס קאמיטע פון דער דזשאבערס אסאסיאיישא האט אט דעם מאנופעקטשורער דעם 26טען אקטאבער באשטראפט מיט 250 דאלאר שטראף פאר ברעכען דעם אגרימענט. אזוי ווי ער האט ניט געוואלט באצאהלען די שטראף, איז ער דעם 17טען פעברואר סוספענדירט געווארען אלס מעמבער פון דער אסאסיאיישאן.

## א ווידערקלאנג פון קאמוניסטישע מפלות

סופרים קאורט אנערקענט אינטערנעיישאנאלס רעכט אויפ'ן אייגענטום פון קלאוקמאכער יוניאן. — דזשענעראל סעקרעטאר דובינסקי הויפט-עדות. — לאיערם קאפ און נאל פארטיידיגען יוניאנס רעכט.

לעצטע וואך האט דער סופרים קאורט ארויסגעטראגען אן אורטייל נעגען די אמאליגע קאמוניסטישע פארכאפער פון אונזער יוניאן און האט רעכטליך אנערקענט דאס רעכט פון דער אינטערנעיישאנאל אויף אלע פארמעגענס פון דער קלאוקמאכער יוניאן. עס האט זיך נעמליך געהאנדעלט צו באפרייען די אינטערנעיישאנאל פון צאלען דיווידענדען פאר 35 טויזענט דאלאר באנדס, וואס די אינטערנעיישאנאל האט געמוזט איינלייגען אוים, שעריפ'ס פארלאנג, ווען זי האט צוריקגענומען די פורניטשור פון די קאמוניסטען, וואס זיי האבען צוגענומען פון, בילדינג פון דער דזשאינט באארד און זיי פארשטעקט אין די קאאפעראטיווע קאמוניסטישע הייזער.

דער סופרים קאורט האט אנערקענט דאס רעכט פון דער אינטערנעיישאנאל יוניאן אויף די פורניטשיר און האט זי באפרייט פון די 35 טויזענט דאלאר באנדס. די לאיערם פון דער יוניאן זיינען געווען לאיער קאפ און נאל, פון דער לאיערם פירמע „קאפ, מארקאוויטש און נאל". דער הויפט עדות פון דער יוניאן איז געווען דער דזשענעראל סעקרעטאר פון דער אינטערנעיישאנאל ד. דובינסקי.

## ווארנונג פון דיסטריקט מענעדזשער מאזער צו די ארבייטער פון אלע אמעריקען און אינדעפענדענט שעפער

ברודער ב. מאזער, דער מענעדזשער פון אמעריקען דעפארטמענט ביי דער דזשאינט באארד, ווארענט אלע ארבייטער, וואס באקומען ניט קיין פעידע אין דער געהעריגער צייט, אז זיי זאלען דאס גלייך מעלדען אין דעם אפים פון דער יוניאן. די ארבייטער ווערען אויך אויפגעפאדערט ניט צו נעהמען קיינע טשעקס, נאר קעש געלד.